זיבעצענטער יאָהרגאַנג

№ 42

„CZENSTOCHOWER CAJTUNG". • פּרייז 20 גראָשען.

טשענסטאָכאָווער צייטונג

Biblj. Jagiellońska Kraków św. Anny 19

Piątek 21 października 1938 | ליכט-צינדען 4.13 | פרייטאג כ"ו תשרי פ' בראשית תרצ"ט

ארדוו. לייב אַש

האָט איבערגעטראָגען
זיין קאַנצעלאַריע
אויף קאַטעדראַלנע 9.

BUCHALTERII, korespondencji handlowej, rachunkowości kupieckiej (dyskontowanie weksli, kalkulacja towarów, rachunki kontokorrentowe), ekonomii (prawo handlowe, wekslowe, przepisy podatkowe) udziela w kompletach i indywidualnie prof. średniej Szkoły Handlowej pełn. praw. państw. Absolwent Akademii Handlowej we Wiedniu. Świadectwa. Piłsudskiego 33 (I piętro). Ceny b. przystępne.

אַ גימנאַזיסט

זוכט לעקציעס אין די ראַהמען פון 6 קלאַסען גימנאַזיום. ער אונטער-ריכטעט אויך העברעאישע שפּראַך און יודאַאיסטישע למודים

צו ערקונדיגען זיך אין רעדאַקציע פאַר ש.

אַ האַנד = בייצריך

ווערט געזוכט פון באַלד
אין ווערקשטאַט פון דאַמען-בעקליידונג
מ. פייגענבלאַט, אַלעע 18.

SZKOŁA TAŃCÓW
baletm. Kosteckiego

w lokalu własnym

ul. Waszyngtona № 6.

Zapisy na lekcje kompletowe pojedyńcze codziennie od 10 rano do 9 wiecz.

יעדען שבת פּראַקטישע לעקציע פאַר יודישער געזעלשאַפט. אנהויב 8 אָוונד. ערשטקלאַסיגע מוזיק.

FARBIARNIA i PRALNIA CHEMICZNA
„KRYSZTAŁ"

ul. Berka Joselewicza 2
i Warszawska 37.

מאַכט בעקאַנט, אַז איצט ווערט געוואַשען מיט אַ הערליכען שפּיגעל-גלאַנץ, וואָס איז נאָך ביז איצט אין טשענסטאָכאָוו נישט געווען. כדי צו איבערצייגען וועגען דעם די קונדשאַפט האָבען מיר

פערביליגערט די פּרייזען:
אַ קאָלנער מיט אַ הערליכען גלאַנץ 10 גר.
אַ העמד — — — 40 „

אויך זענען פערביליגערט געוואָרען די פּרייזען אויף כעמיש וואַשען און פאַרבען. פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ'ן אָרט.

ספּעציאַליטעט: פאַרבען לעדערנע קורטקעס

Znany skład sukna i kortów

M. A. LASTMAN

ALEJA 5
tel. 11-91

עמפפעהלט אויפ'ן קומענדען הערבסט און ווינטער - סעזאָן
פאַר דאַמען און הערען אַ גרויסען אויסוואַהל פון אַלערליי

מאַנופאַקטור-סחורות צו קאָנקורענץ-פּרייזען.

סאָלידע בעדינונג. רעיעלע בעהאַנדלונג.

די נייעסטע ענגלישע מוסטערן.

Łatwą metodą wyuczam **HEBRAJSKIEGO**
Wzorowo, szybko, tanio.
I Aleja 10, m. 2, telefon 10-47.

אונזער חשוב'ן פּרעזעס ה' **ד"ר היפּאָליט גייסלער**
צוליעב'ן טויט פון זיין

ברודער נ"ע

דריקט אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל.

די פערוואַלטונג פון
האַנדווערקער-פערבאַנד
אָרטיגע אָבטיילונג.

דעם חשוב'ען פּרעזעס פון האַנדווערקער-פערבאַנד **ד"ר היפּאָליט גייסלער**
צוליעב'ן טויט פון זיין

ברודער נ"ע

דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל
די פערוואַלטונג
פון 1-טען יוד. שניידער-צעך
אין טשענסטאָכאָוו.

מיר נעמען אַנטייל אין צער פון חשוב'ען פּרעזעס פון האַנדווערקער-פערבאַנד
ד"ר היפּאָליט גייסלער צוליעב'ן טויט פון זיין

ברודער נ"ע

און דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל.

די פערוואַלטונג פון לעדער-צעך
אין טשענסטאָכאָוו.

אונזער חשוב'ען וויצע-פּרעזעס **ד"ר היפּאָליט גייסלער**
צוליעב'ן טויט פון זיין

ברודער נ"ע

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקט אויס
די פערוואַלטונג פון „טאָז".

מיר נעמען אַנטייל אין צער פון אונזער חשוב'ען פריינד, פּרעזעס פון האַנדווערקער-פערבאַנד **ד"ר היפּאָליט גייסלער**
צוליעב'ן טויט פון זיין

ברודער ע"ה

און דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל

סאַמועל קאַץ און פרוי

דעם חשוב'ען פּרעזעס ה' **ד"ר היפּאָליט גייסלער** צוליעב'ן טויט פון זיין

ברודער

דריקט אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל
דער סעקרעטאַריאַט פון האַנדווערקער-פערבאַנד

PODZIĘKOWANIE.

Sz. Pani Dr. MARII HALLEMANOWEJ,
lekarz chorób dziecięcych (ul. Katedralna 7) za trafne postawienie diagnozy, staranne leczenie i troskliwą, pełną poświęcenia opiekę podczas choroby drogiego synka naszego, składają tą drogą najserdeczniejsze podziękowanie

HENIEK i UCIA MARKOWICZOWIE

דאַנקזאַגונג.

אַ הארציגען דאַנק דריקען מיר אויס דעם ה'
האַרי איזראַעל און פרוי אין אַמעריקאַ
פאַר די געשענקטע 100 קילאָ ברויט לכבוד זייער גאָלדענער חתונה און דער בר-מצוה פון זייער איינינקעל. מיר ווינשען זיי אריכת ימים, געזונד און אַ פרעהליך לעבען.

די פערוואַלטונג פון „תומכי עניים".

כשר אונטער דער אויפזיכט פון ראַבינאַט **כשר**

דאס וואורשטעז=געשעפט

א. ד. פ.

ד. גאָלדבערג, גענשא 28

מאַכט בעקאַנט, אַז צום ווינטער-סעזאָן איז מיין געשעפט פערזעהען מיט אַלערליי ערשטקלאַסיגע וואורשטען, אויפשניט, טרוקענע, סאַלאַמי, ווינער וואורשטלעך פאַרובקעס צוויי מאָל אין טאָג פרישע, אַלץ צו מעסיגע פּרייזען.
רעיעלע בעהאַנדלונג. כשר תחת השגחת הביד"צ.

מיט אכטונג
ד. גאָלדבערג, גענשא 28, רוג וואַרשאַווער 20

אונזער חשוב'ען גבאי ה' **דוד פּאַשטשאַק** און פאַמיליע
צוליעב'ן פריהצייטיגען טויט פון זייער אונפערגעסליך טעכטערל

העלטשא נ"ע

דריקען מיר אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל.
המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

דער גבאי און מתפללים
פון מנין ביים האַנדווערקער-פערבאַנד, אַלעע 12.

MAISON HYGIENA

Aleja Wolności № 1.

Duży wybór swetrów i bielizny wełnianej dr. Jaegera
pończochy, skarpetki, rękawiczki
PO BARDZO NISKICH CENACH.

WORLD-RADIO
świat w domu...

Posiadamy na składzie wszystkie rewelacyjne modele odbiorników

ELEKTRIT

Kadet, Kordial, Allegro, Fidelio, Eroica oto piękna seria aparatów **ELEKTRIT** na rok 1939. Uroczy ton. Luksusowe wykonanie. Skrzynka o liniach opływowych.

Sprzedaż na wygodne spłaty miesięczne.

WORLD-RADIO
Inż. Br. Fligelman i S-ka
Spółka Kom.
N. M. Panny 24, tel. 25-75.

זאָל זיך אָנהויבען אַ נאָרמאַלע אַרבייט.

דאָס איינציגע אָרט, וואו יודען קאָנען נאך אויף וויפיעל נישט איז עפיס אויפטהון אין יודישען לעבען, איז די יודישע קהלה. הגם זי איז שטאַרק בעגרעניצט אין איהרע קאָמפּעטענצען, פונדעסטוועגען האָט זי די מעגליכקייט צו שאַפען און צו פפלעגען א רייהע סאָציאַלע און קולטורעלע געביעטען.

ווען איז דאס אָבער געזאגט געוואָרען? ווען די אויסדערוועהלטע פרנסים און דאזארעס האבען ערליכע כונות לגבי דער יודישער בעפעלקערונג, ווען מען איז נישט אויסען דווקא איינצופיהרען קיין פאַרטייאישע און פערזענליכע מחלוקות. ווען מען פיהרט נישט אָפּאָזיציע לשם אָפּאָזיציע, ווען אַלע יודישע פאָרשטעהער אין דער קהלה האבען נאָר איין זאַך אין זינען — דינען די אינטערעסען פון דער יודישער מאַסע. ליידער אָבער איז עס נישט אַזוי.

פון אַלע צייטען און דורות פיהרען זיך אין די יודישע קהלות אונזיניגע מחלוקות, וואס ס'גראָבט אונטער דעם פרעסטיזש און דאס איינציגע איבערבלייבעכץ פון דער יודישער אויטאָנאָמיע. דער בזיון איז נאָך גרעסער, וואס די מיינונגס-פערשידענהייטען, די מחלוקות זענען נישט געבליבען אין די ד' אמות פון דער קהלה, נאר אנגעשפארט לגבי חוץ, און די אויפזיכטס-אַמטען זענען פערוואָרפען מיט אַנקלאָגעס און מסירות וכדי בזיון וקצף.

אויך אונזער טשענסטאָכאָווער קהלה איז די לעצטע יאהרען אריין אין ווירבעל פון מחלוקות און מסירות, וואס ס'בעדעקט מיט שאַנד און שמאך און מאכט אונז ללעג ולקלס. ווי לאַנג איז דער שיעור?

אַט האט זיך אָבגעטהון ארום דעם לעצטען בודזשעט, וואס איז איינשטימיג אָנגענומען געוואָרען דורכ'ן ראָט און פערוואלטונג. די עטאט-צאהלער, וועלכע האבען זיך געפונען בע'עולה'ט פון דער היוכער אויסמעסטונג (אין פערגלייך מיט אַנדערע שטעדט איז דער היגער עטאַט אַלץ נאָך זעהר א נידריגער) און האבען אנגעוואַנדען אַלע מיטלען, אַז מען זאל דעם בודזשעט נישט בעשטעטיגען. דער סוף איז געווען, אז די אויפזיכטס-מאַכט האַט ווי עס איז דעם בודזשעט בעשטעטיגט, נעמענדיג אויך אין אַכט די טענה פון די עטאַט-צאָהלער.

איצט דאַרף דער עטאַט איינגעצויגען ווערען און אין דער קהלה, וועלכע געפינט זיך אין אַנ'איסערסט שווערען צושטאַנד, דאַרף איינגעשטעלט ווערען אַ סטאַבילע אַרבייט.

עס וואָלט דעריבער שוין געווען די העכסטע צייט, איבערהויפּט איצט, אַז עס זאָל שוין זיין גענוג די ארומרייסעניש און מחלוקות, שנאת חנם און שפיכות דמים.

די יודישע כלל-טהוער פון אונזאָר דור דאַרפען אויסהאַלטען דעם עקזאַמען פון געזעלשאַפטליכער רייפקייט, זאָלען זיי מוותר זיין אויף זייערע פּערזענליכע אַמביציעס און פּאַרטייאישע חלוקי-דעות.

אין אַנבליק פון דער היינטיגער טרויריגער יודישער ווירקליכקייט דאַרף דאס מענשליכע געוויסען און די יודישע עסיק גובר זיין דאס פערזענליכע און זאָל זיך שוין אָנהויבען אין אונזער יודישער עדה א פּאָזיטיווע און נוצליכע אַרבייט, כדי צו בעפעסטיגען די אָבגעשוואַכטע יודישע פּאָזיציעס.

עס וואָלט געווען דער הייסטער בעגעהר און דער געבאָט פון דער שעה, אַז אויך אין אונזער טשענסטאכאווער קהלה זאָל זיך שיין אָנהויבען אַ נאָרמאַלע אַרבייט.

ש. פ.

קורצע ידיעות פון דער וואָך.

— די אויפמערקזאַמקייט פון גאַנצען יודישען פאָלק איז די לעצטע טעג געווענדעט אין דער ריכטונג פון ארץ ישראל, פון וואו ס'קומען אָן פערשידענע בעאומרוהיגענדע ידיעות. איין קוועלע גיט אָן, אַז אזוי ווי דער טיילונגס-פּלאַן איז ביי דער איצטיגער לאַגע נישט מעגליך אדורכצופיהרען, זאל די ענגלישע רעגירונג האבען בעשלאָסען אָבצושטעלען די עמיגראַציע קיין א"י אויף יאהר צייט און פערבאָטען יעדער אָרט באָדען-קניה.

דער יט"א און דער יודישער אַגענץ איז דאס אָדער ענהליכע זאכען, נישט בעוואוסט.

— אין אמעריקא איז פון יודישע און קריסטליכע אָרגאַניזאַציעס אויפגעהויבען געוואָרען א געוואַלדיגע אַקציע געגען אָבשטעלען די יודישע עמיגראַציע קיין ארץ-ישראל, אָדער פערשמעלערען וועלכע ס'איז רעכט פון יודישען פאָלק פאַר'ן אויפבוי פון זייער נאַציאָנאַלער היים. די דאָזיגע אָרגאַניזאַציעס פאָדערן פון אמעריקאנער פרעזידענט רוזוועלט צו אינטערווענירען וועגען דעם ביי דער ענגלישער רעגירונג און זי אויפפאָדערן צו ערפילען די התחייבות, וואס זי האט אויף זיך גענומען אַלס מאנדאטאר-מאַכט, פאַר וועלכען אמעריקא איז אויך פעראַנטוואָרטליך.

— אויף דער אונגאַריש-טשעכישער גרעניץ קומען פאַר בלוטיגע קאמפען צווישען רעגולערען טשעכישען מיליטער פון איין זייט און אונגאַרישע פארטיזאנען-גרופען פון דער אנדערער זייט. דאס איז א רעזולטאט פון די איבערגעריסענע אונטערהאַנדלונגען אין קאמארגא, וואו ביידע רעגירונגען זענען דערוויל נישט געקומען צו קיין הסכם.

— צוליעב דעם וואס אין קארפאַטען-רוס איז געקומען צו אויפשטאַנד פון דער דאָרטיגער אונגאַרישער בעפעלקערונג — איז אויף דעם דאָזיגען שטח ערקלערט געוואָרען בעלאגערונגס-צושטאַנד. עס זענען אין שטאדט אוועקגעשטעלט געוואָרען קוילען-וואָרפער, וועלכע בעשיסען די אויפשטענדיגע.

— ביי דער פּראגער רעגירונג איז געשאַפען געוואָרען אַ קאָמיסיע פון יוריסטען, וועמענס אויפגאַבע ס'איז צוצוגרייטען א פּראָיעקט פון א נייער קאָנסטיטוציע און א נייע וואַהל-אָרדינאַציע.

— דער טשעכאָסלאָוואַקישער אויסערן-מיניסטער כוואלקאָווסקי האט בעת זיין אָפיציעלער וויזיט ביי דער דייטשער רעגירונג ערקלערט היטלער'ן, אַז טשעכאָסלאָוואַקיי וועט לגבי דייטשלאַנד פערנעמען אַ לאָיאַלע שטעלונג. היטלער האט די דאָזיגע ערקלערונג מיט צופרידענהייט גענומען צו קענטניש.

— אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן נייעם קורס, וואס האט איצט אַנגעהויבען בלאָזען אין דער טשעכאָסלאָוואַקיי, האבען די דאָרטיגע רעאַקציאָנערע עלעמענטען אויפגעהויבען דעם קאָפּ און אָנגעהויבען פאָדערן פערשידענע בעגרעניצונגען פאַר די יודען אויף אַלע געביטען פון עפענטליכען און ווירטשאַפטליכען לעבען.

— מיט'ן פּוילישען סטראַטאָספערע-באַלאָן „שטערן פון פוילען" איז געשעהן אַ קאַטאַסטראָפע. א גאַנצע נאַכט פון דאָנערשטאָג אויף פרייטאָג זענען געמאַכט געוואָרען די טעכנישע צוגרייטונגען צום גיגאַנטישען פליה. אָרום 2 ביינאַכט איז דער אַעראָסטאַט געווען שוין כמעט אָנגעפולט מיט וואסערשטאָף, ס'איז נאָך פערבליבען אָנצופולען אַנ'ערך 800 קוביק-מעטער. דריי פערטיל 4 האט פלוצלונג די הילע פון אַעראָסטאַט אנגעהויבען ברענען און ס'איז באַלד קלאָר געוואָרען, אַז דער פליה וועט שוין נישט קענען פאָרקומען, נאָר ערשט אין אַ יאהר אָרום.

— די דייטשע (פּראָ-היטלעריסטישע) געוו. סענאַטאָרען האַסבאַך און וויזנער זענען אויפגענומען געוואָרען דורך דעם פּרעמיער סקלאַדקאָווסקי. זיי האָבען איבערגעגעבען אַ רייהע פאָדערונגען, וואס זענען נוגע דעם שולוועזען, ווי אַזוי אָנצווענדען דאס געזעץ וועגען בעשיצען די גרעניצען, א פאָדערונג צו גלייכבערעכטיגען דייטשע אַרבייטער ביים בעקומען אַרבייט, ווי אויך אַ רייהע אַנדערע פאָדערונגען אויפ'ן רעליגיעזען געביעט. דער פּרעמיער האט צוגעזאגט די דאָזיגע פאָדערונג גינסטיג צו ערלעדיגען.

— אין עלטער פון 84 יאהר איז אין אַמסטערדאַם געשטאָרבען איינער פון די בעריהמטסטע טעאָרעטיקער פון מאַרקסיזם—קאַרל קאוטסקי. דער פערשטאָרבענער איז זיין גאַנץ לעבען געווען טעטיג אין דער דייטשער אַרבייטער-בעוועגונג און ער איז אויך געווען פון די אָנגעזעהענסטע פּערזענליכקייטען פון אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליזם.

— פון די לעצטע ידיעות ווערען מיר געוואויר, אַז דער ארץ-ישראל-קריזיס איז געמילדערט געוואָרען און דאס זאָל זיין א דאַנק דער ענערגישער אינטערווענץ פון אמעריקא. ס'ווערען אַרויסגעריקט נייע פּלענער וועגען איינטיילען ארץ ישראל אין פיער קאַנטאָנען, וואס זאָלען אויסגעשניטען ווערען לויט עטנאָגראַפישע גרעניצען און איבער אַלע קאַנטאָנען זאָל איינגעהאַלטען ווערען דער ענגלישער מאַנדאַט.

— אין ארץ ישראל איז איינגעפיהרט געוואָרען אַ רעכטליכער צושטאַנד, וואס פאַקטיש בעדייט ער קריגס צושטאַנד, הגם פאָרמעל ווערט ער אזוי נישט אָנגערופען.

— א גאַנצע נאַכט האט געדויערט די זיצונג פון אונגאַרישען מיניסטאָרען-ראָט, אויף וועלכער ס'איז בעטראַכט געוואָרען דער ענטפער פון דער טשעכישער רעגירונג. טשעכיען איז שוין מסכים אָבצוגעבען אונגאַרן 9 פאָוויאַטען, וואו ס'איז פערהאַן אַנ'אונגאַרישע מעהרהייט, אָבער אהן דער שטאָדט אוזשהאָראָד, וועלכע איז די הויפּטשטאָדט פון קאַרפּאַטען-רוס. די אונגאַרישע רעגירונג האַלט דעם ענטפער פאַר נישט בעפרידיגענד.

— קיין בודאַפּעשט איז אָבגעפלויגען דער דירעקטאָר פון פּוילישען אויסערן-מיניסטעריום לוביענסקי און אָנגעהויבען צו קאָנפערירען מיט די אונגאַרישע מלוכה-לייט. די קאָנפערענצען האָבען א שייכות צו די אונגאַריש טשעכישע אונטערהאַנדלונגען.

— דער בעקאַנטער סלאָוואַקישער דעפּוטאַט סידאָר, איינער פון די נאָהענטסטע מיטאַרבייטער פון פערשטאָרבענעם גלח הלינקא, איז אָבגעפלויגען קיין וואַרשא, ער איז א שליח פון דער סלאָוואַקישער רעגירונג.

דעפּ. סידאָר איז אויפגענומען געוואָרען דורכ'ן וויצע אויסערן-מיניסטער שעמבעק.

— מינ. בעק איז אויפגענומען געוואָרען דורכ'ן רומענישען קעניג אין גאַלאַטש אינ'ם בנין וואו ס'אַמטירט די הויפּט-קוואַרטיר פון די מיליטערישע מאַנעווערס ביי דער בעסאַראַבישער גרעניץ.

— די פערואַנישע קאָנסולאַטען אין פוילען האבען בעקומען אַ פעראָרדנונג, אַז זיי זאָלען אָבשטעלען דאס אַרויסגעבען וויזעס די עמיגראַנטען קיין פערו. דאס אַרויסגעבען וויזעס וועט בעניים ווערען ערשט נאָכ'ן בעשטימען דעם קאָנטינגענט אויפ'ן יאַהר 1939.

בראשית...

קליינער פעליעטאָן

אַזוי איז שוין די סדרה בראשית, מען הויבט אָן עלע מאָל פון דאס ניי, עס איז דער גלגל החוזר בעולם—עס קומט צוריק צום אַלטען און אַזוי שווארצט מען אַדורך דאס לעבען.

בראשית. מיט'ן אַנהויב פון ווינטער, באַלד די ערשטע וואָך נאך סכ"ת הויבט מען אָן בראשית און אַזוי געהט עס א גאַנץ יאהר ביז וזאת הברכה. און ווען מען האַלט שוין ביים סוף, הויבט מען אָן צוריק פון בראשית.

דער מענש ווערט געבוירען אונבעהאָלפען, א שוואַך, קליין קינד, וואַקסט ער, קעמפט און ווען ער מיינט, אַז ער האט שוין די וועלט איינגענומען איז איידער ער קוקט זיך אַרום, איז ער שוין אַלט און שוואַך, ער איז פונקט אַזוי אונבעהאָלפען ווי דאמאָלס, ווען ער איז געווען אַ קינד. עס איז בראשית.

און נישט נאָר אין מענשליכען לעבען קומט מען שטענדיג צוריק צום בראשית, נאר אויך די וועלט, די גרויסע מעכטיגע וועלט, נישט קוקענדיג דערויף, וואס זי געהט אַלץ פאָרווערטס, ענטדעקט אַלץ נייע ערפינדונגען, געהט מיט ריזען-שריט אין דער טעכנישער ענטוויקלונג, קומט אויך א מאָמענט, ווען זי געהט צוריק און עס הויבט זיך אָן פון בראשית.

ביישפילען אַזעלכע זענען פעראַנען אָהן א שיעור. מיר ווילען זיך אָבער נישט פערנעמען מיט קיין געשיכטליכע פילאָזאָפישע ציטאַטען, מיר וועלען בעסער דאס נעמען אויף אונזער שטייגער און מאַכען עטליכע פערגלייכונגען, אַזוי ווי מיר פערשטעהען עס.

קודם-כל וועגען דער אַנגעווענדעטאַגטער פראַגע, וואס אינטערעסירט אונז, יודען און דאס איז דער ווילדער אַנטיסעמיטיזם, וואס הוליעט אין אַ רייהע לענדער דעם אמת'ן שדים טאַנץ.

אין מיטעלאַלטער, ווען חושך האט געהערשט איבער אייראָפּא, האט מען יודען דערפאַר, ווייל זיי זענען געווען שוואַך און הילפלאָז, געפייניגט און גע'רודפ'ט, מען האט אויף זיי אויסגעטראַכט פלערליי בלבולים, אַז זיי זענען כישופמאַכער, פערסמ'ען די ברונעמס, אַז זייער אָטעם פערפעסטעט די לופט, איז דעריבער אַ היילינע מצוה זיי עוקר מן השורש צו זיין. דער פינסטערער המון פון יענער צייט האט געגלויבט אין די דאָזיגע מעשות, וואס זענען אויסגעטראַכט געוואָרען פון פיפיגע שווינדלער, וועלכע האבען דאס אויסגענוצט צו אייגענע צוועקען.

אין גאַנץ אייראָפּא איז דעריבער פאָרגעקומען אַנ'אויסראָטונגס - קאַמף, גירושים און גזירות געגען דער יודישער נאַציע. ענדליך האט אָנגעהויבען צו ווערען ליכטיג אויף דער וועלט, ס'האט זיך אָנגעהויבען די רענעסאַנס-בעוועגונג, דאַן די פראַנצויזישע רעוואָלוציע און מיט דעם אויך די גלייכבערעכטיגונג פון יודען. און די דאָזיגע פערהושכ'טע, פערפאָלגטע, דערדריקטע אין געטאָ יודען, האבען בעוויזען, וואס זיי קאָנען. זיי האבען די שענסטע אוצרות אוועקגעגעבען דער וועלט. יודען האבען זיך אויסגעצייכענט אויף אַלע געביטען פון לעבען, הן אין דער קולטור, מוזיק און וויסענשאַפט והן אין דער פּאָליטיק אַזוי. און ווען מען האט געמיינט, אַז אַט איז די וועלט צוגעקומען צום קולמינאַציאָנס - פונקט פון פּראָגרעס און ציוויליזאַציע, אַז מען וועט נישט מאַכען קיין אונטערשיד צווישען נאַציעס, נאָר יעדער מענש, וואס ברענגט נוצען דער וועלט וועט זיין אַ גלייכבערעכטיגטער מיטגליד אין דער מענשליכער משפחה, איז מען צוריקגעקומען צום בראשית.

דייטשלאַנד, איטאַליע און נאך אַנדערע לענדער זענען אין דער הינזיכט פון יודען-האַס און נישט נאָר בלויז אין בעצוג צו יודען, צוריק צום בראשית, צום פינסטערען מיטעלאַלטער, מ'פיהרט אַנ'אויסראָטונגס-קאַמף געגען יודישען פאָלק, מען האט דעם ראַסען האַס געשטעלט אַלס הויפּט - פונקט פון דער גאַנצער מלוכה'שער עגזיסטענץ. פון איין זייט בעשולדיגט מען יודען, אַז זיי זענען קאַפּיטאַליסטען, געגען מלחמה און אַנדערע ווידער הויבען אָן איצט, אין צוואַנציגסטען יאהרהונדערט, איינצורעדען דעם עולם, אַז יודען זענען כשוף מאַכער, ווארום אַט איז אין אַ קריסטליכען הויף אין פּויזנער געגענד, וואו יודען האבען גענעכטיגט אַריין אַ דונער און עס זענען דערהרג'עט געוואָרען דעם קריסט'ס בהמות. נו, איז דען דאָס נישט דער בעסטער בעוויז, אַז יודען זענען כשוף-מאַכער, וועלכע ציהען צו אַ דונער און בעפעהלען איהם, וואו ער זאָל אַריינפאַלען?

די אויבען-געבראַכטע מעשה איז נישט אויסגעטראַכט פון דער פאַנטאַזיע, נאָר איז שוואַרץ אויף ווייס אָבגעדריקט אין די פּויזנער צייטונגען. נו איז דען דאָס נישט דער בעסטער בעוויז. אַז מען געהט צוריק צום בראשית?

רעוואָלוציעס, אויפשטאַנדען, מלחמות זענען געפיהרט געוואָרען אין נאָמען פון ציוויליזאַציע, אַז עס זאָלען פערשוואונדען די דעספּאָטישע זעלבסטהערשער, נאָר דאס פאָלק זאָל אליין בעשטימען זיינע רעכט און נאָכדעם, ווען אין נאָמען און פאַר דער דאָזיגער לאָזונג זענען טויזענדער און מיליאָנען אומגעקומען און ס'האט זיך געדוכט, אַז די ציוויליזאַציע איז געראַטעוועט, די דעמאָקראַטיע איז איינגעפיהרט געוואָרען, אין דער גאַנצער וועלט און קודם כל אין אייראָפּא, איז מען פּלוצ'ים אין א שעהנעם העלען טאָג צוריק צו בראשית. אין האַרץ פון אייראָפּא פיהרען ווידער אָן מיט גאַנצע פעלקער יחידים. און צו-שאַנד און צו-שפּאָט האט מען געמאַכט דעם פאָלקס-ווילען, דעם פאָלקס - פערלאַנג, די זעלבסט-בעשטימונגס רעכט. און נאָך מעהר וועה טהוט דאָס, וואס אַלטע, איינגעפונדעוועטע דעמאָקראַטיעס, ווי דאס איז ענגלאַנד, פראַנקרייך א. א. וו. טאַנצען מה יפית פאַר'ן צוריקקעהר צום ווילדען בראשית.

ארץ ישראל לעם ישראל, האט דאס דעמאָקראַטישע ענגלאַנד אין א שעה פון רחבות הדעת פּראָקלאַמירט. דאס אייביג נע-ונד געפּלאָגטע פאָלק האט דערהערט דעם רוף און איז געגאַנגען אין נאָמען פון דעמאָקראַטיע, אין נאָמען פון געוויסען פון דער וועלט אויסלייזען זיין ערד, זיין היים, שאַפען פאַר זיך אַנ'אייגען ווינקעל. ווי באַלד אָבער די וועלט קעהרט זיך איצט צוריק צום בראשית, האט אויך ענגלאַנד צוריקגעצויגען איהר פייערליכע הבטחה און מיט איין שטריך פון דער פעדער וויל זי חרוב מאַכען אַזוי פיעל אָפּפערוויליגע קרבנות פון דער יודישער אומה.

איבריגענס, וואס פאַרע בעדייטונג האָבען היינט הבטחות, געשריבענע קאָנטראַקטען, דעקלאַראַציעס, אַז מען האַלט זיי אין איין ברעכען. מען לאַכט זיי ציניש אויס. בעווייזען זענען איבריג. יעדער מענש, וועלכער האט אָפענע אויגען און לעבט אין אונזערע צייטען, זעהט עס און טאַפּט עס אָן מיט דער האַנד.

אין משך פון די לעצטע יאהרען זענען די אַלע פערפליכטונגען מצד די דעמאָקראַטישע מלוכות אויף א צינישען אופן צוטרעטען געוואָרען און אויב עס געפינען זיך נאָך אַזעלכע, וועלכע דערמאַנען וועגען דעם, ווערען זיי אויסגעלאַכט אַלס בטלנים, שלימזלען, וואס מען דאַרף זיי נאָר שיקען אָברוהען אין די קאָנצענטראַציע-לאַגערן. נו, אויב מען לאַכט אויס די הבטחות וואס מען האט געגעבען גרויסע מלוכות, וואס זענען געווען כתוב וחתים בטבעת המלך, וועט מען זיך נעמען צום האַרצען דאָרט עפּיס אַ באַלפור-דעקלאַראַציע, וואס מען האט געגעבען דעם עם מפוזר ומפורד בין העמים.

עס איז א צייט פון בראשית.

עס איז א געזעץ אין לעבען נאָך וזאת הברכה, קעהרט מען זיך צוריק אום צום בראשית, צו דער ערשטער צייט פון וועלט-בעשאַפונג, ווען אַלעס אַרום איז געווען תהו ובהו וחושך על פני הארץ.

אויך מיר לעבען איבער אַט דעם צוריקקעהר צו בראשית. מיר האבען געמיינט, אַז מיר האַלטען ביי וזאת הברכה, אַז אויך פאַר אונז יודען וועט גילטען דער וזאת הברכה, אַז מיר וועלען ווערען אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך, מיט א זעלבסטשטענדיגער מלוכה און מיר וועלען פטור ווערען דעם שוידערליכען גלות מיט אַלע איהרע מעשים-טובים, זאָגט מען אָבער אונז בראשית.

דער אונטערשיד איז אָבער, אַז אַלע אַנדערע פעלקער האבען כאָטש דערצוגעצוינען ביז וזאת הברכה און ערשט שפּעטער געהען זיי צוריק צום בראשית. מיר יודען האבען דאַך אָבער נאָך אפילו נישט טועם טעם געווען פון דעם וזאת הברכה און שוין מוזען מיר צוריקגעהן צום פערשאָלטענעם —

בראשית...

סמאָל

מרדכי קויפמאן

צייט-בעמערקונגען

ווען מאקיאוועל (איטאליענישער היסטאריקער און שטאאטסמאן אין 1469—1527, וועמענס פאליטישער אני-מאמין איז געווען: דער ציעל הייליגט די מיטלען, דעם דיקטאטאר איז אלץ דערלויבט א. אז. וו.) — וואלט היינט אויפגעשטאנען פון קבר און געזעהן ווי זיינע תלמידים מוסאליני און היט-לער קאפירען איהם נאך אזוי גלענ-צענד, שטייגען איהם אפילו איבער מיט טויזענד קעפ אין הינזיכט פון יענעם איבערכיטרעווען און ריהרען זיך נישט אויף קיין טריט ביי פאליטישע אקציעס אהן זיין לעבענס-ווערק — וואלט ער זיכער געשמייכעלט און געזאגט: כאטש ס'האט געדויערט א פאר הונדערט יאהר, ביז מען האט זיך דערקאפט אויף מיין לעהרע, אויף מיין פאליטישען סיסטעם, אבער — בעסער שפעטער ווי קיינמאל...

*

ווען דער שוין היינט פערגעסענער, אבער דאן נאך דער אלמעכטיגער שוש-נינג (איבער יורישע און סאציאליסטישע קעפ), וואלט נישט געווען אזוי נאאיוו און גלייך נאך זיין בעגעגניש מיט היטלער'ן אין בערכטעסגאדען, וואו דער לעצטער האט איהם געשטעלט זיין אולטימאטום צו עסטרייך — געווען מאביליזירט זיין ארמעע, וואלט עס היטלער'ן נישט אזוי לייכט אנגעקומען דאס איינשלינגען עסטרייך און זי וואלט פריהער נאך פאר טשעכן גע-ווען אריין אין דער געשיכטע אלס דאס לאנד, צוליעב וועמען נעבען דער גרויער מיסטער טשעמבערליין וואלט געמוזט אויך אפשר א דריי מאל פלי-הען צו היטלער'ן, כדי צו „ראטעווען" דעם שלום...

לצים זאגען טאקי, אז מיסטער טשעמבערליין וועט דאס שושניג'ן קיינמאל נישט מוחל זיין, וואס צוליב זיין נישט-סוחרישער פאליטיק, וועט ער, טשעמבערליין, נישט קענען בעקו-מען קיין צוויי מאל די נאבעל-פרעמיע פאר... שלום: איינמאל פאר עסטרייך און דאס צווייטע מאל פאר — טשע-כען.

*

גלייך ווי ס'האט זיך אנגעהויבען דער קאנפליקט צווישען היטלער'ן און טשעכאסלאוואקיי וועגען סודעטען גע-ביעט און ענגלאנד האט אנגעהויבען דיפלאמאטיש צו אינטערווענירען מיט'ן אראבשיקען קיין טשעכען דעם לארד רענסימאן אלס „פריוואטע" פערזאן — האבען קענער פון ענגלישער פאליטיק באלד געזאגט: טשעכאסלאוואקיי, דו ביזט בעגראבען! ווארום איבעראל, וואו ענגלאנד שטעקט נאר אריין איהר טריפה'נעם פינגער, טויג עס אויף כפרות.

*

ווען דער סאלידער סוחר פון דעם ענגלישען ווארען-הויז, מיסטער טשעמ-בערליין, איז דאס ערשטע מאל גע-פלויגען קיין דייטשלאנד „ראטעווען" די וועלט פון א קאטאסטראפע — האט ער זיך געבעטען רחמים ביי היטלער'ן: זעהט, קאלעגע, איך גיב אייך אלץ נאך, ווילט איהר דעם גאנצען סודעטען-געביעט — גאט אייך; וועט איהר וויי-טער וועלען קאלאניעס — וועל איך אייך געבען בעלגיש קאנגא, האלענדיש-אינדיע; איך וועל אייך לאזען ווייטער קריכען אין מיטעל-אייראפא, אבער טהוט מיר די טובה און מאכט דעם אנשטעל, אז איהר האט וויייניג, אז איהר ווילט נאך און אויב מען וועט אייך נישט געבען — סטראשעט די נא-רישע גענז מיט מלחמה, איך וועל דאן גאכאמאל קומען צו פליהען, אונטער-האנדלען, אמפערן זיך מיט אייך, און זאל די וועלט מיינען, אז איך האב באמת געראטעוועט דעם שלום.

היטלער'ן איז די אינסצעניזאציע שטארק געפעלען און ער האט מסכים געווען, אבער מיט א בעדינג, אז די קאמעדיע זאל נישט זיין אין צוויי אקטען, נאר דוקא אין גאנצע דריי — און צום דריטען אקט, צום שלוס, זאל אויך צוגעצויגען ווערען זיין חבר בע-ניטא מוסאליני, וועמען ער האט צוגע-זאגט בימי אנעקסיע עסטרייך, אז ער וועט איהם דאס אייביג געדענקען און מיט עפיס אבדינען. טשעמבערליין האט דערצו מסכים געווען — און אזוי איז ענטשטאנען דאס בעריהמטע טעאטער-שטיק אין 3 אקטען מיט א פראלאג און נעקראלאג, כ'מיין — עפילאג א.נ. „מינכענער שלום"...

*

אין דער פראנצויזישער צייטונג „לי" לייענען מיר:

ווען דאלאדיע איז צוריקגעקומען און אבגעגעבען א בעריכט דעם פראג-צויזישען פארלאמענט וועגען די אונ-טערהאנדלונגען אין מינכען, ווי אזוי מען האט פערקויפט טשעכען — איז מען געוואויר געווארען פון זיינע רייד, אז גישט טשעמבערליין, נאר ער איז גאר געווען דער איניציאטאר פון דעם פליהען.

איצט ווייסט מען נישט, וועמען עס קומט די נאבעל-פרעמיע פאר שלום: טשעמבערליינען, צי דאלאדיע'ן?

שמועסט מען טאקי, אז זיי וועלען די מדאל צעהאקען אויף צוויי און זיך מיט איהר טיילען...

*

היטלער זאגט: כל-זמן ס'וועלען אויף גאט'ס וועלט זיך ארומדרעהען יודען און באלשעוויקעס, האט ער פאר קיינעם נישט קיין מורא, וועט ער אלץ דערגרייכען אהן א מלחמה, די יודען דארף ער האבען פאר די דייטשע סטאדעס שעפסען, אקסען, קעלבער, כדי צו האבען זיי מיט וועמען צו שפייזען, און די באלשעווי-קעס-פאר דער אויסערן-וועלט, כדי זיי מיט דעם צו סטראשען און האל-טען אין שטענדיגען פחד.

דער לעצטער ארגומענט, זאגט מען, האט טאקי געווירקט אויף דער ענ-גלישער סיטי, וועלכע האט דיקטירט דעם ענגלישען פרעמיער מקריב צו זיין טשעכאסלאוואקיי, אבי ס'זאל נישט זיין קיין באלשעוויזם...

*

ווען טשעמבערליין איז צוריקגעקו-מען קיין לאנדאן און געוויזען די ענ-גלישע אלטע מיידען דאס שטיקעל פאפיר, וואס פערזיכערט איהם א „דויערהאפטען" שלום פאר אונזער דור — איז ער גלייך דערנאך אוועקגע-פאהרען פערענדיגען זיין איבערגע-ריסענעם אורלויב. אין מיטען כאפען פיש (זיין געליבטע ארבייט א חוץ —פאליטיק), האט מען איהם אונטער-געטראגען היטלער'ס לעצטע רעדע פון סארבריקען.

איי איז דאס א שלעכטער ארטיסט, א פארטאטש דער היטלער—האט משעמ-בערליין געברומט אונטער דער נאז— אזוי פיין אלץ געווען איינרעזשיסירט, אזוי געניאל, האט ער שוין באלד נאך דער פרעמיערע דאס שפיעל ארונטערגעריסען...

*

אזוי ווי אין מינכענער אבמאך איז געווען אבגערעדט, אז וועגען דער פינסטער סטרעפע וועט פארקומען א פלעביסציט אונטער דער קאנטראל פון אנ'אינטערנאציאנאלער בריגאדע און היטלער האט נישט קיין צייט געהאט אזוי לאנג צו ווארטען און דאס פערגומען אהן א פלעביסציט— ווייסט יעצט נישט ענגלאנד וואס צו טהון מיט איהר לעגיאן, וואס זי האט זיך געאיילט צו שיקען קיין טשעכא-סלאוואקיי.

טייל זאגען, אז גרויסבריטאניען וועט שוין נישט איהר לעגיאן צוריקציהען קיין ענגלאנד, נאר איהם דא ערגיץ איינקווארטירען אויף א געוויסער צייט, ווארום ס'הערען זיך שטימען, אז אין אלוואס לאקארינגען קאכט און זידט ווי אין א קעסעל און ס'מאכט זיך שוין א שטיקעל „אדרוך" ביי די דארטיגע דייטשען. אויך אין שלעזוויג אין דענעמארק הויבט זיך עפיס אן צו ויה. ען-אזוי, אז דער בריטישער לעגיאן וועט באלד צונוץ קומען...

דער חורבן פון „קהל ווירמיישא"

א סך מאל איז שוין די פראגע אויפגעווארפען געווארען, ווי אלט איז דער יודישער ישוב אין דער דייטשער שטאדט ווארמס, וואס אויף אמאליגען יודיש דייטש האט זיך גערופען „וויר-מיישא". און הגם אלע תשובות, וואס זענען ביז היינט אויף דער שאלה גע-געבען געווארען, זענען פערשידען, סוג-דעסטוועגען ווייסט מען, אז די ווא-רמסער קהלה איז איינע פון די עלט-סטע יודישע קהלות אין דייטשלאנד.

א לעגענדע, וואס געהט אום מכמה דורות צווישען יודען אין דייטשלאנד, דערצעהלט, אז באלד נאכ'ן גלות בבל, ווען די צוריקגעקעהרטע יודען אין א"י האבען אויפגעבויט דעם צווייטען בית המקדש, האבען זיי מודיע געווען די יודען אין ווארמס, דאס זיי קענען זיך אומקעהרען אין זייער לאנד אריין, אבער די יודען פון ווארמס זאלען דא-מאלס האבען געענטפערט, אז זיי לע-בען דא אין „ירושלים" און זיי בענ-קען נישט מעהר נאך א"י.

לויט דאקומענטען, וואס געפינען זיך אין ווארמסער שטאדט ארכיוו, הייסט עס, אז מיט 1600 יאהר צוריק האבען יודען געפיהרט מסחרים אין ווארמס און זיי איז עס צו דאנקען, וואס די שטאדט האט בעוויזען צו בעצאהלען איהרע חובות.

אין די אלטע ביכער אונזערע, אדער ריכטיגער, אין ווארמסער קהלה פנקס, איז פערשריבען דאס יאהר 1034 אלס דאטע, ווען ס'האט זיך אנגעהויבען א ארגאניזירט יודיש קהלה לעבען. צו יענער צייט איז אויפגעבויט געווארען די ערשטע יודישע שוהל. נעמט מען דערצו אין בעטראכט דעם היסטארי-שען פאקט, דאס די צאהל יודישע נפשות אין ווארמס בעת דעם ערשטען קרייץ צוג האט דערגרייכט ביז 800 נפשות, קומט מען צום אויספיהר, אז די ווארמסער קהלה איז שוין דאמאלס געווען א בעדייטענדע.

גלייך מיט אלע אנדערע רהיינישע קהלות, פערמאגט אויך די ווארמסער קהלה איהר געשיכטע, וואס איז דורכ-געווייקט מיט בלוט און טרעהרען, מיט וואונדערליכען מסירות נפש פאר'ן יו-דישען פאלק און זיין אמונה. בשעת די קרייץ צוגען האבען די ווארמסער יודען בעסער געוואלט אומקומען דורך די הענד פון אייגענע און נאהנטע, זיי האבען ליבער אייגער דעם אנדערען געקוילעט, איידער געצוואונגען ווערען צו שמד, אדער אריינפאלען אין די הענד פון די בלוטדורשטיגע אכזרים.

ווען מען שטעהט צווישען די פיער ווענט פון רש"י'ס שוהל, וועלכע גע-פינט זיך אין ווארמס, נעמט ארום א הייליגע שטילקייט. די עראינערונגען דא פון אמאליגע צייטען שטעמען מיט א מערקווירדיגען צויבער. דא איז רש"י געזעסען און געלע'נט, געשרי-בען די פירושים זיינע. דארט דער בית-דין שטוהל, אין א זייטיגען ווינ-קעל—א געגאסענע פראכט-מנורה און פערשידענע אנדערע געהייליגטע חפצים.

אינ'ם ארון הקודש—א שורה אלטע, גאר אלטע ספרי-תורות, אבגעראטעווע-טע פון פאגראמשטשיקעס. צווישען זיי געפינט זיך די „ספר תורה מהר"ם מרוטענבערג". ווי אזוי די דאזיגע ספר תורה איז געקומען צו דער ווא-רמסער שוהל — וועגען דעם דערצעהלט מען אט וואס:

„די רהיין-שיפער האבען געזעהן א קעסטעל שווימען אויפ'ן וואסער, זייער מיה צו ברענגען דאס קעסטיל אויף דער יבשה איז געווען אנ'אומזיסטע, ערשט ווען יודען האבען זיך צו איהם דערנעהנטערט, האבען די כוואליעס אויסגעצערט רייסען... עפענענדיג דאס קעסטעל האט מען דערין געפונען א געשריבענע ספר תורה. די דאזיגע ספר תורה האט דער מהר"ם זעלבסט געשריבען בעת ער איז געזעסען אין תפיסה.

נישט ווייט פון דער עלטסטער מצבה אויפ'ן ווארמסער בית-עלמין, וועלכע פעראייביגט סענורה בת ר' שמואל, וואס איז אומגעקומען על קידוש השם אין יאהר תתק"ה, שטעהט א גרויסע מצבה. דאס איז דער קבר פון דעם דערמאנטען בעריהמטען מהר"ם מרו-טענבערג. גענוי ווען ער איז געבוירען געווארען ווייסט מען נישט. אלענפאלס שטעלט מען פעסט, אז דאס איז גע-שעהן צווישען די יאהרען 30—1220 אין ווארמס. אין דער יוגענד האט ער גע-לערנט אין פראנקרייך ביים רבנו ר' יחיאל פון די חכמי פראוואנס. ווען ער איז צוריקגעקומען קיין דייטשלאנד איז ער אויפגענומען געווארען אלס רב אין ראטענבערג. זיין נאמען האט דאן אנגעהויבען קלינגען אין דער גאנ-צער וועלט און פון אומעטום האט מען זיך צו איהם געווענדעט מיט שאלות ותשובות. ווען די רדיפות האבען זיך געשטארקט אין דייטשלאנד, איז דער מהר"ם ענטלאפען מיט זיין פאמיליע. אויפ'ן וועג האט מען איהם אבער געפאנגען דער בישאף פון באזעל. דער געפאנ-גענער איז אויסגעליפערט געווארען דעם קייזער רודאלף. דער קייזער האט געפאדערט פאר איהם א גרויסע סומע אויסלייז געלד. יודען אויף דער גאנצער וועלט האבען געזאמעלט געלד אויף

וואס געהערט, וואס געזעהן.

אף ברי...

שוין אבגעפאטשט די ימים-טובים, אריינגעכאפט אלע מצוות, וואס זענען פערבינדען מיט די פארכטליכע טעג און אויך די מצוות, וואס זענען פער-בינדען מיט'ן פריילליכען יום טוב סכות. מאמיר זיך הארציג געפרעהט מיט דער תורה, וועלכע האט זיך אויסגע-קליבען דווקא דאס עס סגולה. קורץ, מיר האבען מקיים געווען די תרי"ג מצוות ככתוב.

מיט וואס פאר א הארץ דאס אלץ איז אויסגעפיהרט געווארען, געהט קיינעם נישט אן. אין הארץ אריין קוקט מען נישט; אפילו טשעמבערליי-נ'ען און היטלער'ן קאן מען אויך אין הארץ אריין נישט קוקען. אויך מיר, יודען, האבען, צי מיט א שווער, צי מיט א לייכט הארץ איז נישט וויכטיג, אבער מיר האבען, חלילה, נישט פוגם געווען אין קיין שום עיקר פון די יודישע דינים און מנהגים. מען האט געדאוונט, טאקי מיט פחד, אבער געדאוונט האט מען, מיר האבען גע-טאנצט, אז אך און וועה צו אזא טאנ-צען, דאס איז „חתן מאך דיר א לב", אבער געטאנצט האט מען. כ'וועל אייך זאגען א סוד, אפילו קידושים האט מען געמאכט שמיני-עצרת און שמחת תורה. דאס עם נצחי שרעקט זיך נישט אב. מיר זענען געוואוינט אין משך פון דורות צו צרות, אזוי, אז זיי מאכען שוין נישט אויף אונז קיין איינדרוק. דער עיקר, יודען בעטען דאך גאר אויף יאהרען, קיין צרות פעהלען נישט און מען מאכט זיך נישט פון זיי...

איצט איז שוין נאך אלעמען. אט ערשט הויבט זיך אן א נייע סדרה בראשית און א שווערער בראשית. עס קומט אן דער ווינטער מיט זיין קעלט און פראסט, וואס טשיפעט נישט נאר בלויז דעם קערפער, נאר אויך די נשמה, און אט געגען דער קעלט דארף מען זיך בעשיצען. מען דארף אננעמען די מיטלען, וועלכע פערהי-טען פון ווינטער.

גלויבט מיר, ווען די פערפייניגטע און געיו'רופ'טע יודען וואלטען נאר געוואלט, ד. ה. ווען זיי וואלטען נאר נישט געווען אנ'עמא דפוזיא, נאר מענשען מיט כאראקטער און פער-אנטווארטליכקייט, וואלט מען שוין געפונען אנ'עצה געגען די קאלטע ווינטען אויך, נאר אזוי ווי דאס איז ליידער נישט, ווערט טאקי קאלעמוט-נע אויפ'ן הארצען און אין מח ברומט דער דאזיגער ניגון פון חזן אף ברי, וואס ווערט אויסגענוצט פון פאלק אלס א ליעדעל, וואס ווערט געזונגען מיט'ן ניגון פון גשם—אף ברי, דער ווינטער רוקט צו, דער אויוועון איז צובראכען, דער פעלץ אויסגעקראכען און קיין געלד איז אלץ נישטא.

אף ברי...

עונג חול-המועד...

געוועגליך זאגט מען עונג יום טוב, אבער עונג חול המועד האט איהר דאך מסתמא נאך נישט געהערט. וועל איך טאקי אייך דערצעהלען, אז א גרויסער טייל יודען האבען היי-יאהר געהאט עונג חול-המועד.

דאס זענען די יודען, וועלכע האבען געדאוונט אין דער שטאדט-שוהל.

דער עונג חול-המועד איז נישט גע-ווען קיין גשמיות'דיגער, נאר טאקי א רוחניות'דיגער, עס האט געדאוונט אין דער שטאדט-שוהל דער אנערקענ-טער ליבלינג פון אונזער שטאדט ר' אייזיק ק.

ר' אייזיק האט זיך היי יאהר איינ-געשפארט, כ'ווייס נישט צוליב וואס פערע סיבות, נאר ער האט די ימים-נוראים אין ערגיץ נישט געדאוונט פאר'ן עמוד. עס האבען נישט גע-האלפען די תחנונים און בקשות פון פערשידענע שוהלען און מנינים, זא-גאר חסידים-שטיבלעך האבען געוואלט, פשוט גע'חלש'ט, זיך געבעטען ביי ר' אייזיקען: זייט אונז מזכה מיט א שחרית'ל, א מוסף'ל, ר' אייזיק איז אבער געווען איינגעשפארט, ניין, ניין און ניין, ער וועט נישט דאווענען און ער האט טאקי נישט געדאוונט. אויך די ערשטע טעג סכות האט ער קיינעם נישט געוואלט מזכה זיין מיט זיין קול נעים וערב, דערפאר אבער, אז עס איז געקומען חול-המועד, באלד דעם ערשטען טאג האט דאס אייז גע-לאזט און ר' אייזיק האט בעהערשט דעם עמוד און נישט דארט פון עפיס א מנין, אדער א שטיבעל, נאר דעם עמוד פון דער שטאדט שוהל.

וואס זאל איך אייך זאגען, רבותי, דעם טעם דעם עונג הרוחני, דאס האט נאר געקאנט פיהלען דער יעני-גער, וועלכער האט געדאוונט אין דער שטאדט-שוהל, אלץ, וואס ר' אייזיק האט געהאט אויף זיין נשמה, האט ער אויסגעגאסען חול-המועד. די אלע נישט געדאוונטע תפילות פון די ימים נוראים האבען משפיע געווען און עס איז ארויסגעקומען א הערליכע סימפאניע. אנהויבענדיג פון מה טובו ביז צו די הושענות איז געווען איין רויטער פאדים פון גימנאסטישען חזני-שען מייסטערשטיק, ר' אייזיק האט בעוויזען, אז דאס חזנות ליגט איהם אין בלוט און בעהערשט זיין גאנץ וועזען. די וואכענדיגע תפילות ביז הלל זענען געדאוונט געווארען פראסט, ווי געוועהנליך. דער הלל אבער איז שוין געווען פון אנ'אנדערער קאנ-סטרוקציע. ווער שמועסט די הושענות זענען שוין געווען לעילה ולעילה, וואס דאס קאן זיך נישט יעדער ילוד אשה איינרעדען. דער עולם האט גע-גאפט, זיי האבען זיך געטראכט מה זאת, וואס איז געשעהן מיט אונזער ר' אייזיק'ן, פון וואנען האט זיך צו איהם גענומען אזא שטימע, אזעלכע וואראציעס, וואס נישט נאר א גע-וועהנליכער בשר ודם, נאר אפילו בע-ריהמטע חזנים זענען דערצו נישט זוכה.

מיט איין װארט, די שוהל מתפללים האבען געהאט דעם אמת'ן עונג חול-המועד.

צום סוף וויל איך נאך בעמערקען, אז די חשובע לעזער זאלען מיך נישט חושד זיין, אז איך שרייב אזא נוטע רעצענזיע פאר ר' אייזיק'ן דערפאר, ווייל ער איז מיין משפחה (ער הייסט זאגאר נאך מיין זיידען ר' אייזיק מ.), ניין, דאס האב איך אבגעשאצט אביעק-טיוו, אהן שום משפחה-סענטימענטען, נאר אזוי ווי עס איז: ר' אייזיק'ס דא-ווענען חול-המועד אין דער שטאדט-שוהל האט זיך קוואליפיצירט אין בית-המקדש און מיר אלע, וועלכע האבען איהם געהערט האבען געהאט עליית נשמה, דעם אמת'ן עונג חול-המועד...

סם, וואלט איך דיר געגעבען...

פריינד שיפער האט אמאל געהאט אנגעשריבען א כאראקטעריסטישען עפיזאד. ער דערצעהלט, אז בעת ער איז געווען אין גאס און איהם זענען אקעגענגעקומען עטליכע דראבעס, פאר וועלכע ער האט געציטערט, אז זיי זאלען איהם נישט די ביינער צוברע-כען, האט ער זיך שנעל אריענטירט, ארויסגעכאפט א פאפיראס און ביי זיי געבעטען פייער און דאס האט איהם טאקי מציל געווען פון רסוק אברים.

Dobre światło zwiększa wydajność pracy!

Dobre światło jest pomocne w pracy. Stosujcie żarówki 65 Dlm, gdyż dają one dużo światła. Światło Osramówek D jest tanie.

OSRAMÓWKI-D

znakowane w dekalumenach gwarantują małe zużycie prądu.



פדיון שבויים פאַר'ן געפאַנגענעם. אָבער ווען דער מהר"ם האט זיך דערפון דערוואוסט, האט ער אַרויסגעשיקט א בריף פון תפיסה, אין וועלכן ער אסרט דאס געבען פאר איהם אויסלייזגעלד, מחמת דאס וועט ברענגען דערצו, אז מ'וועט ארעסטירען אלע רבנים, כדי אויסצופרעסען פון יודען אויסלייזגעלד. דער מהר"ם איז פון דאַן אָן געבליבען אויף אייביג אין תפיסה. 14 יאהר האט ער זיך געמאַטערט און ערשט דער טויט האט איהם באַפרייט פון די פייניגונגען. גאַנצע 14 יאהר דערנאָך איז דער גרויסער מת נישט געקומען צו קבר ישראל, ווארום די מאַכט האט איהם נישט געוואָלט אַרויסגעבען. ערשט אלכסנדר זיסקינד ווימפען פון פראַנקפורט, וועלכער האט באַצאהלט די געפאָדערטע סומע, האט דערמעגליכט די קבורה פון מהר"ם. אין א קורצער צייט אַרום איז זיסקינד געשטאָרבען און מ'האט איהם קובר געווען נעבען דעם קבר פון קדוש מהר"ם מרוטענבערג.

א שוידער געהט דורך דורך די ביינער ווען מען שטעהט פאַר'ן ברודער-קבר פון די י"ב פרנסים, וואס זענען אין יאהר 1349 אומגעקומען אויף קידוש השם. אין יענעם יאהר האט אין דייטשלאנד געהערשט די שוואַרצע פעסט. די שונאי ישראל האבען די דאזיגע עפידעמיע אויסגענוצט צו א שרעקליכער העצע אויף יודען. עס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען א גזירה אין א בעשטימטען טאג אויסצושעכטען אלע יודען. א טאָג פאר דער שחיטה זענען די פרנסים געגאַנגען אויפ'ן בית עולם ארויף און אויסגעגראָבען פאַר זיך א געמיינזאמען קבר. דערנאָך זענען זיי געגאַנגען אין ראַטהויז אריין בעטען, אז מען זאָל אָבּרופען די גזירה. היות די פרנסים האבען געזעהען, אז זייער מיה איז אנ'אומזיסטע, האבען זיי זיך געוואָרפען אויף די ראַטמענער און אייניגע פון זיי צושטאָכען אויף טויט, אָבער אויך זיי זענען געפאלען אין דאָזיגען קאַמף. שפעטער האט מען זיי קובר געווען אין דעם שותפות'דיגען קבר, וואס זיי האבען זיך אליין אויסגעגראָבען פאַר'ן טויט.

עטליכע וואָכן איידער דייטשלאַנד איז געוואָרען נאַציסטיש, בין איך צום לעצטען מאָל געווען אין וואָרמס. ווי אלע יודען אין דייטשלאַנד, זענען אויך די וואָרמסער יודען דאמאלס געשטאַנען אונטער'ן גרויליכען איינדרוק פון דעם, וואָס דאַרף קומען און וואס קען נישט מעהר אויסגעמיטען ווערען. דאס יודישע וואָרמס האט מיטאמאָל בעקומען א אבל'דיגען פנים, גלייך עס האט אָקאָרשט געזעגענט דעם טייערסטען און ליבסטען, אויף לאנג, אויף אייביג.

איך שטעה פאר רש"י'ס שוהל. עטליכע יודען געהען שנעל איבער'ן גאַס, איינגעקורטשעט אין זיך. זיי געהען מנחה מעריב דאַווענען: זיי ווערען גיך פערשוואונדען אין שוהל.

פערהאַן מינוטען ווען מען ווערט איינגאַנצען פערלוירען אין אַנ'אַטמאָספערע פון עצבות, שווייגט דאָס האַרץ. אזא געפיהל האב איך געהאַט ווען כ'בין געשטאַנען אין דער שטילער אַלטער שוהל, וואו די לופט איז דורכגענומען מיט געבעט פון דורות און מיט'ן גייסט פון ספרים.

א טרויער, א בענקשאַפט און א שווערקייט איז געלעגען אין די וואָכעדיגע תפלות פון בעל תפילה, אין אלעמענס אויגען איז געווען שטילער צער, די קדיש טענער האבען ארויסגעפרעסט טרערען.

ביים ארויסגעהן זאגט מיר עמיץ „גוט אָוונד". איך קוק זיך אום, ס'איז דער שמש, איך ענטפער „גוט אָוונד".

– עס קומען שרעקליכע צייטען.

– דאס איז אונזער שיקזאל – זאָג איך.

– ווער וואָלט געווען געגלויבט, אז אזוי גיך.

– פיעל פון אייך גלויבען נאָך איצט אויך נישט.

– פילייכט בין איך דער לעצטער – שמש...

פילייכט – שאָקעל איך צו מיט'ן קאָפ.

דער שמש, מיט די ביטערע שטריכען אין זיין פנים געהט אוועק. איך פערטראַכט זיך און חזר איבער זיינע לעצטע ווערטער:

– פילייכט דער לעצטער שמש אין

דער וואָרמסער שוהל...

זינט דעמאָלס זענען עפיס מעהר ווי פינף יאהר אוועק. דורך די אלע יאהרען האב איך מיט צורודערונג, מיט זאָרג און פיינליכע יסורים נאָכגעפאָרשט וועגען גורל פון וואָרמסער יודען, וועגען זייערע אינסטיטוציעס און אַלטע געדעכענישען.

ווען ס'איז דערגאנגען צו מיר די ידיעה, אז די וואָרמסטער נאַציס האבען לכבוד דעם 900 יאהריגען יובילעאום פון רש"יס שוהל געענדערט דעם נאמען פון רש"י-טויער אויף האָרסט-וועסעל עקע, האט זיך מיין האַרץ געטהון צונויפקראמפען אין צער און צאָרן. און ווען איך האב זיך דערוואוסט, אז די נאַציס נעמען זיך צו דער פערברעכערישער אַרבייט אויסצומעקען יעדען זכר פון דעם גרויסען יודישען נעכטען אין וואָרמס, האט מיין האַרץ שטאַרק געבלוטיגט.

די יודישע קהלה אין וואָרמס פערייתומט, האַרצלאָזע גזלנים, ברוטאַלע רוצחים, אכזריות'דיגע קאַלטבלוטיגע יונגאטשעס האבען צעיאגט דאס הייפעלע יודען איבעד שבעה ימים. צו ערשט זיי געפייניגט, איזאָלירט, אויסגעלאכט און בעשמוצט. – דאַן פערטריבען נאַקעט אין באָרוועס.

די וואָרמסער שוהל פערמאַכט! דער בית עולם מיט אונזערע קדושים פערלאָזט! הפקר, הפקר, אלץ הפקר.

א. ב.

גלייכווערטלעך פון דער סדרה

פון יחיאל טשענסטאכאווער

בראשית ברא אלקים

א משכיל האט געפרעגט דעם רב: פאַרוואָס שטעהט אין דער תורה בראשית און נישט בראשונה, ברא-נישט יצר, שמים-נישט רקיע, הארץ-נישט אדמה? דערויף האט איהם דער רב געענטפערט: איהר זענט טאקי גערעכט, עס האט געדאַרפט זיין בראשונה יצר ה' את הרקיע ואת האדמה, פרעג איך אייך צי איז נישט בעסער'טער ווי עס געפינט זיך יעצט אין דער תורה: בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ?

עשב מזריע זרע

צו א יודישען גוטס-בעזיצער איז געקומען אַנ'אורח נאָך א נדבה. דער גוטס-בעזיצער האט זיך גראָד געגריטיגט אין א מענש צוהילף צו דער פעלד-ארבייט, וואס ער האט פאַרגלייגט דעם יוד און איהם פערשפּראָכען, אז ער וועט גוט פערדינגען. דער יוד האט געענטפערט: איך בין א פרומער, היט אָב די הייליגע תורה און די תורה זאגט: „עשב" מזריע זרע, פעלד-אַרבייט איז געמאַכט פאר אַנ'„עשו" נישט פאַר קיין יוד. און דעריבער קען איך אייער פראָפּאָזיציע נישט אָננעמען.

טוב מאד–מאד זה המות

דער מדרש זאגט: מאד–דאס מיינט מען דעם טויט. אין דער תורה געפינט זיך: ואהבת את ד' אלקיך בכל מאדך–זאגט רש"י מאדך–זה ממון, דאס געלד וועלכעס אויסערליך איז עס טוב מאד–זעהר גוט, איז אָבער אין דער ווירקליכקייט–המות דער טויט, אלע מחלוקות, קרענקונג א.א.וו. ברענגט דאס געלד.

השלך אמת ארצה

ווען גאָט איז געגאנגען בעשאַפען די וועלט האט ער גערופען חסד, אמת, צדק און שלום און זיי געפרעגט: בעשאַפען די וועלט אָדער נישט? אלע זענען בעשטאַנען די וועלט צו בעשאַפען, נאָר אמת האט נישט געוואָלט מספים זיין דערצו, מאָטיווירענדיג, אז כולו שקרים, די וועלט איז פול מיט שקר. דעמאָלס האט גאָט אראָבגעוואָרפען דעם אמת אויף דער ערד: השלך אמת ארצה, ווייזענדיג איהם דערמיט, אז אין הימעל צווישען מלאכים קען ער אויספיהרען מיט'ן אמת, זאָל ער אָבער דאס זעלבע אדורכפיהרען אויף דער ערד ביי מענשען, וואס מוזען אויף זיך טראגען אנ'עול פרנסה. זייענדיג אויף דער ערד וועט ער זיך איבערצייגען צי דער מענש איז שוליג, וואס ער לעבט נישט מיט'ן גאנצען „אמת".

ויהי האדם לנפש חי'

גאָט האט געמאַכט פון דער ערד א „מענש": ויצר ד' אלקים את „האדם" עפר מן האדמה, ווי אָבער דער רבש"ע האט אין דעם מענש אריינגעגעבען א נשמת חיים–א לעבענס-גייסט, ער זאָל קענען פיהלען דעם טעם און פערגעניגען פון לעבען, ויהי „האדם" לנפש „חיה" איז ער שוין געוואָרען אויס „מענש" און פערוואַנדעלט אין א „חיה רעה", א בעל-תאוה, דעם צווייטען גאָר אויפצועסען.

ויקח אחת מצלעתיו

דאָס איז א גליק פאַר'ן מאַן, וואָס גאָט האט די פרוי בעשאַפען פון איין ריפּ וואָלט גאָט די פרוי געמאַכט פון מעהרערע ריפּען וואָלט גאָר נישט געווען פון איהר אויסצוהאַלטען.

כי מאיש לקחה זאת

אנ'אַלטער אלמן, וועלכער האט חתונה געהאט מיט א יונגער גרושה, האט אויף דער פראַגע פון א חבר, ווי עס געהט איהם נאָך דער חתונה, געענטפערט: זאת הפעם. דאס ערשטע מאָל, נאָך מיין ערשטער חתונה עצם מעצמי ובשר מבשרי, האָב איך טאקי געהאַט א ווייב, אזוי ווי א יוד דאַרף האבען, א זאת: די יעצטיגע פרוי יקרא אשה, טראָגט נאָר דעם נאָמען פרוי, כי מאיש לקחה זאת, ווייל זי האט שוין אַמאָל געהאַט א מאַן. ביי מיר אָבער האט זי זיך דעם נאָמען „אשה" נישט פערדינט.

ודבק באשתו

א יונגערמאַן האט געגעסען קעסט ביי זיין שווער לאַנגע יאהרען און נישט געקענט קומען צו קיין תכלית. איינמאָל זאָגט צו איהם די פרוי: געבּ אָבגעגעסען מיין טאַטענ'ס ביינער, זאָלען מיר יעצט געהען צו דיינע עלטערען קעסט עסען. דער יונגערמאַן, וועלכער האט געקוועקט אויף דער הוראה, האט געענטפערט: אין דער תורה שטעהט, על כן יעזב איש את אביו ואמו ודבק באשתו–נאָך דער חתונה זאָל דער מאַן פערלאָזען זיינע עלטערען און זיך אָנטשעפּען אין ווייב'ס משפחה און איך, וועלכער האלט מיך פאַר א קינפטיגען רב, מוז מקיים זיין וואס די תורה הייסט.

פריינד שיפער האט דערמיט געוואָלט בעווייזען, אז דאס בעטען פייער ביי עמיצען ווערט אזוי האנארירט, אז אפילו ביי א גזלן, וועלכער איז א רוצח נפשות, איז דאמאלס ווען מען בעט ביי איהם פייער, ווערט ער אויף א מינוט א מענש.

איצט קאן איך אייך דערצעהלען רבותי, אז מיר האַלטען שוין אזוי ווייט, אז זאָגאַר דאָס בעטען פייער ביי עמיצען איז נישט אימשטאַנד איהם אויף א מאָמענט אפילו אָבצושטעלען די חיה. מיר האלטען שוין אזוי ווייט (מיר לעבען דאָך עפיס אין יאהרהונדערט פון שנעלע רעקאָרדען), אז ווען מען בעט פייער ביי עמיצען ד. ה. ווען א יוד בעט פייער ענטפערט מען איהם פראָסט פשוט: סם וועל איך דיר געבען.

יום-טוב איז עס געווען. געהט א יוד אין גאס און וויל זיך פעררויכערען א פאפיראָס. אזוי ווי קיין פייער האט ער נישט געהאט, האט ער ביים ערשטען אָנקומענדען קריסט, דווקא אזא איינער, וועלכער האט געמאכט א גאַנץ גוטען איינדרוק, געבעטען פייער. נאָר יענער האט איהם נישט בלויז נישט געגעבען קיין פייער, נאר ער האט איהם נאך זעהר „העפליך" געענטפערט, אז ער וואָלט איצט גערן געגעבען סם.

אָט אזוי ווייט, רבותי, האלטען מיר שוין, אז אנשטאט „פייער" וויל מען אונז געבען סם.

אין אַנבליק פון דעם היינטיגען שטורם-ווינט ווערען בטל אלע ביז-איצט אָנגענומענע מנהגים און פאַרמצן. הייגט קאן שוין געמאָלט זיין, אז ווען א יוד בעט פייער וויל מען איהם בעסער געבען סם...

דער פחד האָט גרויסע אויגען...

מען האט אונז טאקי די לעצטע צייטען שטאַרק אָנגעשראָקען און נישט בלויז מיט ווערטער, נאר טאקי מיט ווירקענדע שטעכענדיגע מיטלען. אבער זיין אזוי אָנגעשראָקען ווי יודען זענען לעצטענס, איז שוין א ביסעל צו פיעל. עס טויג נישט. עס מאכט א שרעקליכען איינדרוק און רופט נאָר ארויס חוזק אויף אונזער אדרעס.

יודען געהען פון דאַווענען אדער אויפ'ן שפאַציר און ווען עס קומען זיי אנטקעגען קריסטליכע יונגע-לייט, לויפען די יודען אַראָב פון די טראָטואַרען מיט שרעק אין די אויגען.

רבותי, עס שטעהט טאָקי געשריבען אשרי אדם מפחד לבו, ושמרתם את נפשותיכם און נאָך אַזעלכע וואָרענישען צו היטען דאס נפש. אָבער איבערטרייבען דאַרף מען אויך נישט, ווייל, ווייל, ווי געזאָגט, אזא איבערטריבענע מורא מאכט א פערקערטע ווירקונג. דער קריסטליכער יונגערמאַן, ווען ס'פאַלט אפילו נישט איין א טשעפּע צו טהון דעם יודען, זעהענדיג, ווי מען ענטלויפט פאר איהם, ווערט געקרענקט און דאס רופט ארויס ביי איהם א רעאַקציע צו מאַכען חוזק פון יודען און איהם אָבשרעקען. דאַן מאַכט מען דאָך זיך לעכערליך. מען מאַכט דעם איינדרוק ווי מיר וואָלטען געווען א דערשלאָגענע צושראָקענע סטאַדע שעפּסען, וואס ענטלויפען פון מינדסטען שאָרך.

עס איז דא אין תוכחה א קללה ונסתם ואין רודף. זאלען מיר נישט אליין ארויפנעמען אויף זיך די דאָזיגע קללה.

כ'ווייס גאַנץ גוט און מיר אלץ ווייסען דעם צושטאַנד, די בעדינגונגען. אלץ איז אמת, פאָרט אָבער טאָרען מיר נישט, איהר הערט יודען, מיר טאָרען נישט איבערזאלצען; אין אונזערע אייגענע אינטערעסען טאָר מען דאָס נישט.

מיר טאָרען זיך נישט לאָזען בעהערשען פון דעם פחד, וועלכער האט גרויסע אויגען...

א מעשה שהיה.

אין שטאָדט דערצעהלט מען אזא מעשה:

אויף קילינסקי גאַס 16 האבען מויערער רעמאָנטירט דאָס הויז, וואָס געהער צו א רייכען יודען. האבען זיי אויפגעשטעלט רושטאָוואַניעס ביז צום צווייטען שטאָק און אָנגעהויבען בעווארפען מיט קאלך.

אינ'ם זעלבען הויז האט אויפ'ן ערשטען שטאָק דערווייל געארבייט א יודישער בלאַכאַרוש, א געוויסער ישראל ליבערשטיין, גארנצארסקא 48.

די מויערער זענען געווען קריסטען, קלאָבוצקער, וועלכע זענען אָנגעשטעקט מיט שנאה צו יודען. זעהענדיג, אז אויפ'ן ערשטען שטאָק הינטער זיי אַרבייט א יודעל, האבען זיי זיך געוואָלט איבער איהם – ווי דער שטייגער איז – א ביסעל לוסטיג מאַכען. עס האט זיך זיי „צופעליג" ארויסגעגליטשט א בעלקע פון די הענד, וועלכע האט געזאָלט „צופעליג" ארויפפאלען אויפ'ן יוד'ס קאָפּ און איהם א „גלעט געבען"... האט אָבער די בעלקע צופעליג (אָהן געזונגעפיסלעך) זיך א בויג געטהון אין דער זייט און אנשטאט אויפ'ן יוד'ס קאָפּ – איז זי „צופעליג" ארויסגעפאַלען אויף א קריסטליך מיידעל פון הויף, וועלכע איז שטאַרק פערוואונדעט געוואָרען און מען האט זי קוים אָבגעראַטעוועט פון טויט.

דאס אויבענדערמאַנטע איז געשעהן יענע וואָך פרייטאג. מאָנטאג, דעם ערשטען טאג יום טוב איז זיך דער יודישער בלעכער נאָכ'ן דאַווענען געגאַנגען א ביסעל שפאַצירען און אין איינוועגס האט ער געמאכט א בעזוך אויפ'ן אָרט פון דער אַרבייט. ער איז געווען נייגעריג צו זעהען צי די מויערער האבען שוין פערטיג די אַרבייט, כדי ער זאָל קאָנען אויסמאָהנען זיין לוין, נאָר קומענדיג אויפ'ן הויף איז ער פערציטערט געוואָרען פון דעם בילד, וואס האט זיך ענטפלעקט פאר זיינע אויגען: אויף דער ערד זענען געלעגען 2 מויערער אָהן סימנים פון לעבען. ווען ער האט זיך גוט צוגעקוקט צו זייערע פנימער, האט ער דערקאַנט, אז דאס זענען טאָקי די, וועלכע האָבען ערשט דעם פאָריגען פרייטאָג ארויסגעלאָזט „צופעליג" די בעלקע, וואס האט געדאַרפט „צופעליג" פאַלען אויף זיין יודישען קאָפּ.

דער יודישער בלעכער ישראל ליבערשטיין וועט דעם קומענדען שבת גומל בענשען...

קאָנצענטראַציע פון די כחות

מ'האט אַמאָל געשמועסט, אז מען דאַרף קאָנצענטרירען די געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס, וועלכע האבען ענליכע אויפגאַבען אין איין אינסטיטוציע. ביז איצט האט זיך דאס דערווייל נישט איינגעגעבען. גאָר פשוט, ווייל עס וועלען איבערבלייבען בענקלעך, ס'וועלען ווערען ארבייטסלאָז סעקרעטאָרען אזוי. אזוי.

מעגליך, אז מען וועט אויך נאָך צו דעם צוקומען. דערווייל אָבער איז צו פערצייכענען א קליינעם אַקטיוו אויף דעם געביעט. דהיינו: דער ראַבינאַט-סעקרעטאַריאַט איז איבערגעטראָגען געוואָרען אין לאָקאַל פון דער קהלה.

ווער, ווער, נאָר די דיינים זענען פון דעם זעהר צופרידען. זיי וועלען מהיום והלאה נישט דאַרפען קריכען ווי ביז איצט פסק'ענען שאלות און אויך דין תורות אויף פילסודסקי גאס און בעזונדער אין דער קהלה אריין אלעע 10, נאָך געלד. נאר זיי וועלען זיי א גאַנצען טאג זיצען אין דער קהלה און זיך איינברענגען צייט און נישט דאַרפען רייסען די שטיוועל. און דער עיקר צווישען איין שאלה און דער אנדערער, צווישען איין דין-תורה און דער צווייטער, וועלען זיי דערווייל א שמעק געבען צו דער קאַסע און אז מען זיצט און מען היט אָב דעם קאַסירער, וועט זיי שוין עפּעס אַרויסקומען...

ווי איהר זעהט, איז די ערשטע התחלה געמאַכט געוואָרען. איצט דאַרף מען זיך נאָר בעמיהען, אז אין אלע אַנדערע אינסטיטוציעס און געזעלשאַפטען זאָל אויך פאָרקומען א קאָנצענטראַציע פון די כחות...

לויתן

בעת די הקפות אויסגעהאַקט שויבען אין דער שטאָדט - שוהל

מאָנטאָג אין אָוונט, בעת די הקפות אין דער אַלטער שוהל, וועלכע איז געווען פול געפּאַקט פון מתפללים, האָבען נישט - ענטדעקטע כוליגאַנעס מיט שטיינער אויסגעהאַקט אייניגע שויבען.

צושטאָכען אַ יונגענמאַן אויפ'ן אַלטען מאַרק.

מאָנטאָג אין אָוונט, נעבען דער אַפּטייק אין אַלטען מאַרק, האָט אַ כוליגאַן צושטאָכען מיט אַ מעסער דעם רוהיג דורכגעהענדען אברהם בענדעט, פּפאַדעק 17.

דער פאַרוואונדעטער איז איבערגע-פיהרט געוואָרען אין יודישען שפּיטאַל, וואו ער פאַרבלייבט אונטער דער אויפ-זיכט פון כירורגען.

מאַריאַ יונג פערמשפּט אויף 4 יאָהר תפיסה פאַר ערמאָרדען איהר מאַן

מאָנטאָג ארום האַלב 2 אַ זייגער מיטאָג האָט דאָס היגע קרייז-געריכט ארויסגעטראָגען דעם אורטייל אויף פרוי מאַריאַ יונג פאַר ערמאָרדען איהר מאַן, מיעטשיסלאַוו.

די קורצע מונדליכע מאָטיווען פון אורטייל בעווייזען בולט, אַז דאָס גע-ריכט האָט גענוי בעטראַכט אַלע אומ-שטענדען, וועלכע האָטען דערפיהרט צום מאָרד און אויך די אומשטענדען ביים אויספיהרען דעם מאָרד און די אָנגעקלאָגטע מאַריאַ יונג פער'משפּט אויף 4 יאָהר תפיסה.

די פערטיידיגער האָבען אָנגעמאָלדען אַנ'אַפּעלאַציע.

די פער'משפּטע מאַריאַ יונג איז אָב-געפיהרט געוואָרען צוריק אין תפיסה אריין.

ה' האַרי איזראעל און פרוי פון אַמעריקאַ פאַר'ן „תומכי - עניים" אין טשענסטאָכאָוו

ה' האַרי איזראעל און פרוי אין אַמעריקאַ, אַ פעטער פון דער היגער פאַמיליע איזריילאָוויטש, וואַרשאַווער 35, האָבען צו זייער גאָלדענער חתונה אין אַמעריקאַ, וועלכע ווערט געפייערט די טעג און אויך לכבוד דער בר-מצוה פון זייער אייניקעל, געשענקט צווישען אַנדערע נדבות אויך 100 קילאָ ברויט פאַר'ן תומכי עניים אין טשענסטאָכאָוו.

אַ נייע אָבטיילונג פון דער ים-ליגע

אין דער פאַבריק פון מעסערס און שערען פון נ. דזיאַלאָשינסקי (אַלעע קאָשטשושקי 12) איז פאָרגעקומען אַ פערזאַמלונג, אויף וועלכער אַלע אַר-בייטער צוזאַמען מיט דער אַדמיניס-טראַציע, אַנ'ערך 130 פּערזאָן, האָבען אָנגעמאָלדען זייער אַקצעס צו דער ים-און קאָלאָניאַל - ליגע, שאַפענדיג אַ נייע אָבטיילונג פון דער ים-ליגע.

פאַרוואַהל-פערזאַמלונגען פון „אָזאָן" אין טשענסטאָכאָוו

אויפ'ן שטח פון טשענסטאָכאָווער קרייז פון „אָזאָן" זענען פאָרגעקומען אַ רייהע פאַרוואַהל פערזאַמלונגען. איינע פון די דאָזיגע פערזאַמלונגען איז פאָרגעקומען אין זאַל פון שטאָדטישען טעאַטער, וואו ס'איז ארויסגעטרעטען דער געוו. סענאַטאָר זביערסקי און דער פאָרזיצער פון זאָוויערטשער קרייז סאָווינסקי; אַ צווייטע — האָבען בייגע-וואוינט אַנ'ערך 400 פרויען. ארויסגע-טרעטען איז אויך ג. סען. זביערסקי; אויך פאַר אַנ'ערך 200 פּאָסט-אָנגע-שטעלטע האָט אויף אַ בעזונדערער פערזאַמלונג גערעדט ג. סען. זביערסקי; אין פּייערלעשער-זאַל פאַר'ן ברייטען עולם האָבען אויף דער פערזאַמלונג גערעדט: א. באַרדזשינסקי, וו. פלאַ-דאָווסקי, י. פלעבאַנעק, געוו. סענאַטאָר זביערסקי, נאַטשעלניק זביערסקי א. א.

פון האַנדווערקער - פערבאַנד

אַלע מיטגלידער פון האַנדווערקער-פערבאַנד, וועלכע האָבען בעקומען אויפפאָדערונגען זיך צו שטעלען אין שטייער-אַמט אויף אָבצוגעבען דעקלאַראַ-ציעס פון הכנסה-שטייער דאַרפען, אין זייער אייגענעם אינטערעס, זיך פריהער פערשטענדיגען מיט'ן סעקרעטאַריאַט פון פערבאַנד, אַלעע 12.

פערענדיגט דער שטרייק אין האַראָוויטש'ס פאַבריק

אין רעזולטאַט פון לענגערע קאָנפע-רענצען אין אַרבייטס-אינספּעקטאָראַט איז ליקווידירט געוואָרען דער אָקופּאַ-ציע-שטרייק אין דער פאַבריק פון אייזען בעשלאַג א.ד.פ. „האַראָוויטש און שותפים" אויף קרוטקאַ גאַס, וואו עס אַרבייטען אַנ'ערך 280 אַרבייטער, דער שטרייק האָט געדויערט פון 1-טען וושעשען.

די פאַבריקס-דירעקציע האָט זיך פערפּליכטעט אונטערצושרייבען אַ קאָ-לעקטיווען אָבמאַך מיט די אַרבייטער פון 1 טען יאַנואַר 1938 אויף אַנ'אונ-בעגרעניצטע צייט. די פאַבריק וועט צוריק געעפענט ווערען דעם 24 ד. ח.

די ווינטער - הילף - אַקציע פאַר אַרבייטסלאָזע הויבט זיך אָן אין ליסטאָפּאַד

אויף דער אָרגאַניזאַציאָנס פערזאַמלונג פון בירגערליכען ווינטער-הילף-קאָמיטעט איז געווען דערמאָנט, אַז די היי-ריגע ווינטער-הילף-אַקציע וועט זיך אָנהויבען פריהער ווי אין פאָריגען יאָהר. איצט איז שוין פעסטגעשטעלט געוואָרען, אַז זי וועט זיך אָנהויבען אין ליסטאָפּאַד.

אויף דער לעצטער פערזאַמלונג, וואָס איז פאָרגעקומען פרייטאָג אונ-טער'ן פאָרזיץ פון סען. זביערסקי, האָט נאַטשעלניק ריביצקי רעפערירט וועגען די אויפגאַבען פון קאָמיטעט. עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרען די פאַרשטע-הענדע טעטיגקייט פון די בעזונדערע סעקציעס.

די געפּלאַנטע אַקציע וועט ארומנע-מען בלויז אַנ'ערך 3.500 פאַמיליעס, אָדער 11,000 פּערזאָן, ווי אויך 6,000 קינדער אין די שולען. ביי אזעלכע בעגרעניצטע פאָרמען וועט די ווינטער-הילף אַקציע בעטרעפען די סומע פון 400.000 זלאָטעס, אויף וועלכע די שטאָדט טשענסטאָכאָוו דאַרף געבען 200,000 זלאָטעס און די רעשט — דער אַלפּוילישער קאָמיטעט אין דער פאָרם פון געלד-סובווענצען און אין דער נאַטור.

צוטרוי פון ערשטען אויגענבליק.

אַ זשאַרובקע איז אין געוויסען זין מאַשין, וועלכע אַרבייט-איבער די אויפגענומענע עלעקטרישע קראַפט אויף בעלייכטונג. אָבער צי די מאַשין אַר-בייט עקאָנאָמיש וועט אונז בעווייזען דער פערגלייך פון בענוצען שטראָם צום בעקומענעם בעלייכטונג. מיר ווייסען דאָך, אַז די שפּאַרזאַמסטע זשאַ-רובקעס זענען די דאָזיגע, וועלכע בע-נוצען צו אַ בעצייכענטער עלעקטרי-שער אויסגיביגקייט אַמווייניגסטען קראַפט.

ביז איצט איז געווען אָנגעצייכענט אויף די זשאַרובקעס די בענוצונג פון שטראָם אין וואַטען און דער קונה האָט נישט געהאַט קיין אַנדערע מעגליכקייט ווי צו גלויבען די מונדליכע פערזיכע-רונגען פון סוחר וועגען דער אויסגי-ביגקייט פון דער אויסגעקליבענער זשאַ-רובקע. היינט איז אַנדערש, ווייל די ליכט-אויסגיביגקייט איז בעצייכענט מיט דער צאָהל דעקאַלומענעס אויפ'ן לעמ-פּיל „אָסראַמובקאַ דע". קויפענדיג אַלזאָ דאָס לעמפּיל „אָסראַמובקאַ דע" האָט יעדער ביים ערשטען אויגענבליק די מעגליכקייט זיך צו בעקענען מיט'ן קראַפט-געברויך און ליכט-אויסגיביגקייט, און אַזוי ארום אָריענטירען זיך וועגען דער שפּאַרזאַמקייט פון לעמפּיל. אינע-ווייניג-מאַטירטע לעמפּלען „אָסראַמוב-קאַ דע" פערזיכערן יעדען גוט און ביליג בעלייכטונג.

רעקלאַמע-אויטאָ-קאַר פון „אָרביס" אין טשענסטאָכאָוו

פערגאַנגענעם שבת האָט אויף די היגע גאַסען זיך בעוויזען אַ שעהנער, לוקסוס-אויטאָ-קאַר פון „אָרביס", וועל-כער האָט זיך אָבגעשטעלט פאַר'ן לאָקאַל פון „איירראָפּאַ". דער אויטאָ האָט אינסטאַלירט אַ גראַמאָפאָן מיט צוויי הילכערס אויפ'ן דאַך פון וואָגען. די פערזאַמעלטע נייגיריגע האָבען זיך צוגעהערט צו די טאַנגאָס און אָבער-קעס, געשפּילט פון פּליטען.

דער אויטאָבוס פון „אָרביס" בעזוכט אַלע שטעדט צו פּראָפּאַגאַנדע-צוועקען.

דערשטאָכען אַנ'אַוואַנטוריסט

אין דער נאַכט פון 13 אויפ'ן 14 טען ד. ח. איז אויף זאַוואָדזיע ערמאָרדעט געוואָרען אַ געוויסער וולאַדיסלאַוו דזשאַמבאַר. ווער ס'האָט דזשאַמבאַר'ן דערשטאָכען און ביי וואָסערע אומ-שטענדען איז פאָרלויפיג נישט בע-וואוסט. דער ערמאָרדעטער איז אין דער געגענד פון דער יאַסנאַ-גורא גע-ווען בעקאַנט פון אַ רייהע אַוואַנטוריעס און געשלעגען. ער איז געווען אַ ליי-דענשאַפטליכער אַלקאָהאָליקער און אַוואַנטוריסט.

נאָך דער רייהע יום-טוב לעקציעס אין דער טאַנץ-שולע פון באַלעט-מייס-טער ק. קאָסטעצקי, ווערען פון היי-ניגען שבת אָן אייגעפיהרט צוריק די נאָרמאַלע פּראַקטישע טאַנץ-לעקציעס, ספּעציעל פאַר יודישער יוגענד יעדען שבת-צו-נאַכט'ס, וועלכע פּרעהפען זיך שטענדיג מיט ערפאָלג.

ערעפענונג פון באָקס - סעזאָן אין טשענסטאָכאָוו

קומענדען זונטאַג, דעם 23 טען ד.ח. 6 אַ זייגער פאָרנאַכט קומט פאָר אין זאַל פון „מכבי" די פייערליכע ערעפ-נונג פון היי-יעהריגען באָקס סעזאָן אין טשענסטאָכאָוו מיט אַ באָקס - מעטש צווישען היגען „מכבי" מיט'ן סאָסנאָוו-צער ב. ק. ס.

ביידע מאַנשאַפטען וועלען ארויס-טרעטען אין זייערע בעסטע צוזאַמענ-שטעלען, יעדע מיט דער אַמביציע צו בעקעמפען דעם געגנער. דערפאַר איז צו האָפען, אַז די קאַמפען וועלען גע-הערען צו דער רייהע אינטערעסאַנטע און פערביסענע.

דער צוזאַמענשטעל פון די פּאָרען אויף דעם זונטאַג'דיגען מעטש שטעלען זיך פאָר אויף פאָלגענדען אופן (די ב. ק. ס. בויסטלער זענען די ערשטע): באַנאַשיק-אַלעקסאַנדראָוויטש, קאָזיאָל—קראַוזע, קאָוואַלסקי—ווינדמאַן, רענדזיאַק—שטשערבאַלאַ, האָמאַנסקי – בערקענ-שטאַט, באַנאַך-2—גראַנעק, באַנאַך-1—שלימער.

די דאָזיגע באָקס-קאַמפען האָבען ארויסגערופען אין טשענסטאָכאָוו גרויס פעראינטערעסירונג און וועלען זיכער צוציהען אויף קאַטעדראַלנע 13 אַלע ליבהאָבער פון באָקס.

פון י. ס. ס. פ. „מכבי"

די מענער - סעקציע פאַר ספּאָרט-איבונגען און גימנאַסטיק בעגינט איהר טעטיגקייט. אַלע מאָנטאָג און מיטוואָך רעגולער פון 8.30 ביז 9.30 וועלען פאָרקומען די איבונגען אונטער דער לייטונג פון ספּאָרט-אינסטרוקטאָר ה' גאָלדשטיין.

דער מכבי-כאָר שליסט אין אייניגע טעג ארום די ליסטע פון זינגער. בכדי פעסטצושטעלען גענוי די צאָהל מיט-גלידער פון כאָר און נאָרמאַליזירען די אַרבייט. דעריבער מוזען די יעניגע, וועלכע האָבען בדעה צו זינגען אין כאָר בעצייטענס זיך איינשרייבען.

די קולטור-סעקציע ביים „מכבי" הויבט אָן אַנ'אינטענסיווע טעטיגקייט אויפ'ן געביעט פון קולטור. לעצטענס איז צום קרייז צוגעטרעטען אַ גרופּע פון 30 פּערזאָן, וועלכע וועלען געמיינ-זאַם מיטאַרבייטען מיט'ן מכבי-קולטור-קרייז. שוין די נאָהנטסטע טעג וועלען פאָרקומען עפענטליכע רעפעראַטען און אַנדערע קולטור-פעראַנשטאַלטונגען.

יום-טוב שיריים...

ס'פערשטעהט זיך, אַז נישט אַלץ, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין די יום-טוב-טעג אין יודישען לעבען קאָן מען דערצעהלען. וועל איך טאַקי נאָר גע-בען אייניגע פראַגמענטען, אַזוי צו זאָגען אָביסעל שיריים.

צוויי קעץ אין איין קיטעל...

די מלחמה אין אַלטען ראַדאָמסקער שטיבעל אויף דער גאַרנצאַרסקאַ גאַס צווישען די 2 בעלי-תפלות—דעם „גע-זאָלצענעם" אין „פאַרטנאָי„—קומט נאָך אַלץ פאָר. נישט קוקענדיג דערויף, וואָס זיי האָבען שוין אָנגעווענדעט אַלע תכסיסי מלחמה, ווי: אָראָבגעררי-סען די טליתים, אויסגעפּליקט די בערד און גלאַט געטיילט פּעטש, שטע-הען זיי ווייטער אויף די פּאָזיציעס און קיין איינער פון זיי וויל נישט אָבטרעטען, יעדער טשאַטעוועט צו פערכאַפּען דעם עמוד און דאָס שוין נישט אַזוי ווייט, כדי ארויסצוווייזען זיין קענטניס, נאָר נאָך מעהר, כדי יענעם נישט צוצולאָזען צום פּסוק.

קורץ, די מלחמה צווישען אַט די דערמאָנטע יודישע „העלדען" קומט כסדר פאָר אָהן אויפהער. דעם לעצטען שמיני עצרת האָט זיך צווישען די צוויי חוגים אָבגעשפּילט פאָלגענדע סצענע:

נאָכ'ן לייענען, האָבען זיך ביידע ריוואַלען אָנגעטהון די קיטלען און זיך צוגעגרייט צו בענטשען „גשם". דער עולם מתפללים, זעהענדיג, אַז עס גרייט זיך אַ ספּעקטאַקל מיט עמאָציעס, האָבען זיך שטאַרק דער-פרעהט, וואָס זיי וועלען האָבען אַ פרעהליכען יום-טוב און אַנ'אומזיסטען באָקס-קאַמף נאָר—ווי ס'ווייזט אויס—איז עס דאָסמאָל אַדורך אָהן שטאַרקע עמאָציעס, ווייל נאָך אַ קלענערע אינ-טערווענץ האָט דער „געזאָלצענער" אָבגעטרעטען און דעם עמוד האָט פערכאַפּט דער „פאַרטנאָי", וועלכער האָט פערסטריגעוועט דעם „גשם".

דער עולם האָט זיך שטאַרק גע-וואונדערט, וואָס דער „געזאָלצענער", וועלכער לאָזט זיך נישט בלאָזען אין דער קאַשע, האָט דאָס מאָל אָבגעג-טרעטען אָהן אַ שאַרפען קאַמף, נאָר ווי זיינע מקורבים זאָגען, וועט עס נישט אָבגעהן אַזוי גלאַטיג, מסתמא איז דאָ דערביי אַנ'אויסרעכנונג וועגען וועלכען מיר וועלען זיך דערוויסען ביים נעכסטען ערשטען צוזאַמענשטויס.

די מתפללים האָבען די דאָזיגע סצענע, וואָס ביידע בעלי-תפילות האָ-בען זיך אָנגעטהון די קיטלען צו בענ-שען „גשם" אָנגערופען צוויי קעץ אין איין... קיטעל.

דער לינקער „פועלי-ציון"-לאָקאַל —אַ ווייבער-שוהל...

פון די אַלע שפּאַלטונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען ביי די „פועלי ציון" אין משך פון אַ גאַנצען פערטעל יאָהר הונדערט זענען די אַזוי-גערופענע לינקע „פועלי ציון" ארויס שטאַרק בעשעדיגטע און עס איז גע-בליבען אַ הייפעלע חברים.

אַ לענגערע צייט האָבען זיי אפילו קיין לאָקאַל אויך נישט געהאַט, נאָר אַזוי ווי וועלענדיג אויפהאַלטען די עקזיסטענץ פון דער פּאַרטיי, מוז מען דאָך האָבען אַ לאָקאַל, האָבען די איבער-געבליבענע זיך אָנגעשטרענגט, צוזאַ-מענגענומען אַ פּאָר גילדען און ענ-דליך געפינען די ווייבער-שוהל פון ראַדאָמסקער שטיבעל (קאָזאַצקער) אויפ'ן אַלטען מאַרק פאַר אַ לאָקאַל.

אַמאָל, אין די אַלטע צייטען, ווען דאָס דאָזיגע הויז האָט נאָך געהערט צום ה' ק. ר. האָט דער בעל-הבית אָוועקגעשענקט דאָס דאָזיגע בוידעם-שטיבעל, וואָס געפינט זיך איבער'ן שטיבעל אויף אייבינ פאַר די נשים. און ווען ס'איז געקומען שבת אָדער יום-טוב האָט מען ארויסגענומען אַ שטיק פּאַדלאָגע, וואָס איז ספּעציעל אַזוי געווען איינגעאָרדענט, אַז די ווײ-בער זאָלען הערען דעם בעל-תפילה און מיטדאַווענען. אַזוי ווי דאָס הויז איז אָבער פערקויפט געוואָרען, האָבען די נייע בעלי בתים סקאַסירט די עזרת נשים און האָבען עס פערדינגען אַלס פּאַרטיי-לאָקאַל פאַר די לינקע „פועלי ציון".

איין תנאי האָבען זיך אָבער די נייע בעלי-בתים אויסגערעדט מיט די „פועלי ציון", אַז אויף ימים נוראים מוזען זיי אָבטרעטען דעם לאָקאַל פאַר די ווײ-בער, וועלכע קומען דאַווענען אין קאָ-זאַצקער שטיבעל און בזכות זה וועלען זיי צאָהלען ווייניגער דירה געלד. די „פועלי ציון" האָבען בעל כרחך גע-מוזט דערויף איינגעהן.

אַ גאַנץ יאָהר הענגען דאָרט, אין פועלי ציוניסטישען לאָקאַל די בילדער פון קאַרל מאַרקס, באָראָכאָוו און מען רעדט דאָרט אויס כל דבר אסור אויף רעליגיע, וואָס איז אָפּיוט פאַר'ן פאָלק אז"וו, נאָר ווען עס איז געקומען ערב ראש-השנה און ערב יום כפור האָט מען, מעביך, געמוזט ארויסרוימען די אַלע בילדער און אויפשריפטען, אויפ-געמאַכט די עפנונג און ס'האָבען זיך דערהערט די תפילות פון קאָזאַצקער שטיבעל, וועלכע זענען אויפ'ן וועג אין הימעל אַריין דערווייל אָבגעטרע-טען אין פועלי-ציוניסטישען לאָקאַל...

הינטער פערמאַכטע לאָדענס.

פּראָך דער שטאַרקער שמירה ביי דער שטאָדט שוהל בעת'ן דאַווענען, האָט מען בעוויזען בעת די הקפות אריינצוואַרפען צוויי שטיינער.

די מתפללים האָבען זיך נאָר אויף איין מאָמענט דערשראָקען. באַלד אָבער האָבען זיי זיך בערוהיגט און אַלץ איז פאָרגעקומען אוננעשטערט. יעדענפאַלס קיין פּאַניק האָבען די אריינגעוואָרפענע שטיינער אין שוהל נישט ארויסגערופען. דערפאַר אָבער זענען די תפילות אין בית המדרש אַ גאַנץ יום טוב נישט געשטערט געוואָרען אפילו דורך איין שטיין.

אַ סך וועלען זיך וואונדערען: היתכן? ווי קאָן דאָס געמאָלט זיין, אַז מען זאָל אפילו איין שטיין נישט אריינוואַרפען אין בית המדרש? איז דער תירוץ אַ פּשוטער. אַלע שויבען פון בית המדרש, וועלכע געהען ארויס אין גאַס זענען שוין פון פריהער געווען אויסגעהאַקט, האָט מען זיי פערקלאַפּט מיט ברעטער און אַט הינטער די פערמאַכטע לאָדענס האָט מען געפּראַוועט אין בית המדרש אַלע יום-טוב'דיגע תפילות אָהן פּחד.

אין דער שוהל האָט מען טאַקי גע-דאַווענט מיט שרעק, אַז עס זאָל נישט אין מיטען עוזר דלים אריינפאַלען אַ שטיין. דערפאַר אָבער אין בית המדרש זענען זיי געווען זיכער און רוהיג — אונטער די פערמאַכטע לאָדענס...

סעם.

טראַגעדיע פון אַ יונגען טשענ-סטאָכאָווער שילער

אין די אויאַזדאָווער אַלעען אין וואַרשא, אויף א באַנק איז געפונען געוואָרען א צובלוטיגטער דער 17-יעה-ריגער פעליקס קאָזלאָווסקי פון טשענ-סטאָכאָוו, וועלכער איז מיט אייניגע וואָכען צוריק אָבגעפאָהרען פון טשענ-סטאָכאָוו קיין וואַרשא פאַרטצוזעצען די למודים.

עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרען ביי איהם א שווערע וואונד פון א קויל אין די ברוסטען.

דער פערוואונדעטער קאָזלאָווסקי האט בעת א פערהער אין שפיטאָל ערקלערט, אַז ער האט זיך געשאָסען, ווייל ער האט נישט געהאט קיין מיטלען אויף ווייטערע בילדונג.

דער רעזערוויסטען-יום-טוב אין טשענסטאָכאָוו

דעם פערגאַנגענעם זונטאג האט דער אָרטיגער רעזערוויסטען-פערבאַנד גע-פייערט זיין יעהרליכען יום טוב.

אָרום 11 א זייגער פארמיטאג האבען אויפ'ן קאַטעדראַל-פּלאַץ, אין רייהען זיך אויסגעשטעלט אנ'ערך 300 רעזער-וויסטען פון שטאדט און פון פּאָוויאַט.

נאכ'ן ראַפּאָרט, וועלכען ס'האט אָב-גענומען פולק. סאָמזאָ זאַפּאָלסקי, איז פארגעקומען א גאָטעסדינסט אין דער קאַטעדרע. עס זענען אנוועזענד געווען: סטאַראָסטא ראַזמאַרינאַווסקי, מאַג. סאָ-אינסקי, אלס פארשטעהער פון מאַגיס-טראַט, פאליציי-נאַדקאמיסאר אָלענדזקי, פולק. דר. מיקולסקי א. א.

נאך דער גאָטעסדינסט זענען די רעזערוויסטען אַוועק צום דענקמאָל פון מאַרשאַל פּילסודסקי און בעלעגט א קראַנץ. פּרעזעס באַגאַבאַוויטש האט גע-האַלטען א רעדע, וועלכע ער האט פערענדיגט מיט אויסגעשרייען לכבוד דער רעפּובליק, פּרעזידענט מאָשטשיצ-קי און מאַרשאַל רידז-שמיגלי.

2 א זייגער מיטאג איז אין די קאַ-שאַרען פון פּיעכאָטע-פולק פארגעקומען א זעלנערישער מיטאג, בעת וועלכען ס'האבען געהאלטען רעדעס דער סטאָ-ראָסטע ראַזמאַרינאָווסקי א.א.

אַנ'אונבארמהערציגע נקמה

דער ראַקאָווער איינוואוינער יוזעף גאַיעווסקי האט זיך אָרומגעטראָגען מיט פּרעטענסיעס צו זיין בעקאַנטען שיקאָ-רא, אויף וועלכען ער האט זיך נוקם געווען אויף פאָלגענדען אופן:

אין א געוויסער פינסטערער מעת-לעת-נאַכט האט גאַיעווסקי זיך אריינגעגנבעט אין שיקאָראַ'ס טויבען קאַסטען און מיט איינמאל דערוואָרגען 16 טויבען.

אויפ'ן סמך פון דער פעראָרדנונג פון מלוכה פּרעזידענט וועגען שוץ פאר חיות און פויגעל האט דאס שטאָרטישע געריכט פער'משפט שיקאָרא'ן אויף 6 חדשים תפיסה.

געגען דעם דאזיגען אורטייל האט שיקאָראַ אַפּעלירט און דאס קרייז-געריכט האט גענומען אין אַכט זיין ביז-איצטיגע שטראָפלאָזיגקייט און די שטראָף געמילדערט ביז 3 וואָכען אַרעסט.

אַנ'אויספלוג פון גוראַלעס

אין די טעג פון 12 און 13 ד. ח. האט אויף דער יאַסנאַ גוראַ פערברענגט א גרעסערער אויספלוג פון גוראַלעס פון ראַבקע און שטשאַווניץ. די פּילגרי-מער אין דער צאהל פון אַנ'ערך 1000 פערזאָן זענען געווען געקליידט אין מאַלערישע מלבושים.

ס'איז איהם פער'מיאוס'ט געוואָרען דאס לעבען

דער 27-יעהריגער בראָניסלאוו פּיע-קאַרטשיק פון טישקא האט געפּרובט צו בעגעהן זעלבסטמאָרד דורך אויס-טרינקען אנ'אונבעקאַנטען סם. צו פּיע-קאַרטשיק'ן, וועלכער האט געקריגען שרעקליכע שמערצען איז ארויסגערופען געוואָרען א דאָקטאָר, וועלכער האט איהם אָבגעראַטעוועט. זיין געזונד-צושטאַנד איז אויסער יעדער געפאַהר.

די סיבה פון דאזיגען פערצווייפעל-טען שריט איז געווען די אונלוסט צום לעבען.

די גנבים רוהען נישט

מיט'ן אָנקומען פון די לאנגע הערבסט-אווענדען האבען זיך גענומען שטאַרק פערמעהרען די גנבות פאַרפאַ-לען אין אונזער שטאָדט.

צווישען אנדערע איז געפאלען אלס קרבן פון די פערברעכער דער נאַטשעל-ניק פון דער שטאדטישער ווירטשאַפט-ליכער אָבטיילונג אינזש. ראָמאַן וורוּ-בעל, שלאָנסקא 28. אונטער'ן שוץ פון דער נאַכט פינסטערניש האבען די גנבים זיך אריינבעקומען אין דער פּראָלניע און צוגעגנבעט צום שאַדען פון אינזש. וורובעל א גרעסערע צאָהל וועש אין דער ווערט פון 1,000 זל.

אויך אין דער וואוינונג פון געוו. סעקרעטאָר פון קאַמעראַל טעאַטער ט. ראַדוואַנסקי, שוו. קאַזשימיעזשאַ 10, האבען גנבים זיך אריינבעקומען און צוגעגנבעט 2 גאָלדענע פינגערלעך און אנדערע ביזשוטעריע אין דער ווערט פון 600 זלאָטעס.

טראַגישער פארפאַל בעת דער ארבייט

בעת דער ארבייט אין דער פאַבריק „וואַרטאַ" איז פערוואונדעט געוואָרען ביי א וועגעלע אין פוס דער 38 יעה-ריגער אַרבייטער אנטאני שיטעק. דער פערוואונדעטער איז איבערגעפיהרט געוואָרען אויף קוראַציע אין שפיטאל, וואו ער איז זונטאג געשטאָרבען.

בלוטיגע נקמה פון מעסער-שטעכער

פערגאַנגענע וואָך זענען אויף דעם דורכגעהענדען אויף אָגראָדאווא גאַס זעגען קורעלאַ אַנגעפאלען עדוואַרד גזשיוונאָוויטש און אַנדזשיי באַרטשוש און איהם מיט מעסערס צושטאָכען עט-ליכע מאל די ברוסטען. קורעלא איז איבערגעפיהרט געוואָרען אין שפיטאָל און די אַנפאַלער זענען אַרעסטירט געוואָרען דורך דער פּאָליציי. דער אַנפאַל טראָגט דעם כאַראַקטער פון פערזענליכער נקמה.

Pierwszorzędny Paryski
Zakład Krawiecki
„TRÉS-CHIC"
M. ROZENBLUM
N. Marii Panny 33. Tel. 11-87
poleca na sezon bieżący swą pierwszorzędną robotę oraz materiały najnowszych deseni, krajowe i zagraniczne.

זיצונג פון דער קאָמיסיע צו אונ-טערזוכען דעם חאוקס פון די אויס-האַלטונגס-קאָסטען

אין ארבייטס - אינספעקטאָראַט איז אונטער'ן פאָרזיץ פון אַרבייטס-אינ-ספעקטאָר ראַדלאָווסקי פארגעקומען די חודש'ליכע זיצונג פון דער סטאַטיסטי-שער קאָמיסיע צו אונטערזוכען די אויסהאַלטונגס-קאָסטען.

די קאָמיסיע האט פעסטגעשטעלט, אַז די אויסהאַלטונגס-קאָסטען פון אַנ'אַר-בייטער-פאַמיליע פון 4 פערזאָן האבען אין חודש ווזשעשען בעטראָפען 3.84 זל. טעגליך, ד. ה. מיט 1.58 פּראָצענט מעהר, ווי אין חודש שערפּיען.

פאַרבעריי
און כעמישע וועשעריי
„BENETA"
פאַבריק און קאַנטאָר: ב. יאַסעלעוויטשאַ 11
פיליע 2-טע אַלעע 16 (הויז פון ה' אימיך)
מענער = קראַגענס ווערען ווייטער געוואַשען
מיט דויערהאַפטען שפּיגעל=גלאַנץ צום פּרייז
10 גר.
ספּעציאַליטעט:
1) אויפפרישען (פארבען) לעדערנע קורטקעס, 2) פארבען לויט מוסטערן, 3) רעטאַשירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען אויס'ן אָרט), 4) כעמישריינינגען און פּאַסאַנירען קאַסטיומען, די אַרבייט ווערט אויסגעפיהרט אונטער דער לייטונג פון אַנ'אַבסאָלווענט פון דער כעמישער אינדוסטריע-שולע אין וואַרשא מיט לאַנגיעהריגער פּראַקטיק

קאָמוניקאַט פון רעטאַליסטען און קליינ-הענדלער - פערבאַנד

דינסטאג, דעם 18 טען ד. ח. האט א דעלעגאַציע פון פערבאַנד אין די פּער-זאָנען פון פּרעזעס אדאָלף עפּשטיין און פערבאַנדס דירעקטאָר מ. מאַנעטאַ זיך געוועפנדעט מיט אַנ'אינטערווענץ צום נאַטשעלניק פון 1 טען שטייער אַמט ה' באַראַק.

די פערבאנד - פארשטעהער האבען בעריהרט א גאנצע רייהע פּראָגען, וועל-כע זענען נוגע די לעצטע אויסמעסטונ-גען פון אומזאַץ-שטייער פאר'ן יאהר 1937, מיט וועלכען א טייל פון דעטאַ-ליסטען און קליינהענדלער זענען שטאַרק בע'עולה'ט געוואָרען און די פאַרשטע-הענדע אויסמעסטונג פון הכנסה שטייער (פּאַדאַטעק דאָכאָדאָווי) אויפ'ן יאהר 1938. די דאזיגע אויסמעסטונג ווערט דורך די שטייער-אַמטען שוין יעצט פארגעבערייט.

אויפווייזענדיג מיט א געהעריג-צוגע-גרייטען סטאטיסטישען מאַטעריאָל, אַז די אויסמעסטונג פון דאָכאדאווע שטייער אויפ'ן יאהר 1937 האט ווייט נישט ענטשפּראָכען דער ווירקליכקייט צוליב וואס א גרעסערע צאהל פעראָרימטע שטייער-צאָהלער זענען בעלאַסטעט גע-וואָרען מיט אונגעהויערע סומען און אַז דער נישט בעגרינדעטער שטייער האט אין דער ערשטער רייהע געטראָפען די פעראָרימטע מאַרק-שטייער און קליינע געוועלבלעך. בכדי נישט צו דערפיהרען היי-יאהר צו קיין אַבסורדאָלע אויסמעס-טונגען האט די דעלעגאציע פארגעלייגט פּראָיעקטען און אנגעוויזען אויף א געהעריגען שליסעל ביים צוזאמענשטע-לען די הכנסות פון דער דאזיגער קאַ-טעגאָריע שטייער-צאָהלער.

א ספעציעלען דרוק האט די דעלע-גאַציע געלייגט אויפ'ן בעפרייען די מאַרק-שטייער און קליינע געוועלבלעך פון דעם הכנסה-שטייער, אויפווייזענדיג, אז זייערע נאָרמעס איבערשטייגען נישט קיין יעהרליכען הכנסה-שטייער פון 1500 זל.

אויסהערענדיג אויפמערקזאם די גע-רעכטע פאָסטולאַטען פון די קליינהענד-לער פארשטעהער, האט דער נאַטשעלניק מסכים געווען מיט זייער אויספיהרונג און צוגעזאגט אָביעקטיוו צו בעהאַנדלען די אַזוי אנגעוועהטאָגטע פּראגע. אין גאַנג פון דער קאָנפערענץ האט נאַ-טשעלניק ה' באַראַק אריינגעבעטען דעם אויסמעסטונגס קיעראָווניק מגר. ה' וויענצקאָווסקי און רעפערענט פון הכנסה-שטייער ה' דאמבראָווסקי און פארשטעלענדיג זיי אונזערע פּאָסטולאַ-טען, אויף דער שטעל פעראָרדנט:

1) אלע פעראָרימטע צאָהלער זאלען גענצליך בעפרייט ווערען פון צאהלען פּאָדאָטעק דאכאדאווי, 2) די איבעריגע קליינע אונטערנעהמונגען זאלען נישט ווערען איבערשאַצט און צוזהויך אויפ-געשרויפט זייערע אויסמעסטונגען, און

3) אַז מיט דער פערשטענדיגונג פון אונזער פערבאַנד זאָל די הויך פון דאָכוד ווערען בעשטימט דורך בעליי-גען שריפטליך אויף די ערהאַלטענע דורכ'ן שטייער-אַמט אויפּפאָדערונגען און אויפגעבען די הכנסה קוועלעס.

צו דעם צוועק פאָדערן מיר אויף אלע מיטגלידער פון אונזער פערבאַנד, וועלכע האבען ערהאלטען אויפּפאָדע-רונגען זיך צו שטעלען אין שטייער-אַמט וועגען אויפגעבען זייערע דאָכאָ-דען, זיך צו ווענדען אין סעקרעטאַריאַט פון פערבאַנד, בכדי אויסצופולען א שריפטליכען ענטפער, וועלכע וועט גענומען ווערען אין אַכט. דערמיט וועט דער ווייניג-בעוואוסטזיניגער מיטגליד אויסמיידען נישט נור אונאַנגענעהמליכ-קייטען ביים געבען זיינע ערקלערונגען, וועלכע זענען זיך שטענדיג ווי געוועהנ-ליך סותר מיט דער מיינונג פון שטייער-אַמט, און וועט אויך נישט פערלירען לאַנגע שעה'ן צייט ביים שטעהן אין דער רייהע.

מיר מאַסען נאך אמאל אויפמערקזאַם, אַז פאר די מיטגלידער, וועלכע וועלען נישט אויספיהרען אונזערע אַנווייזונגען זענען מיר נישט פעראַנטוואָרטליך.

אין יעדען פאַל דאַרפען אונזערע מיטגלידער זיך פערשטענדיגען מיט'ן פערבאַנדס-סעקרעטאַריאַט.

פערדינט צו 7 זלאָטעס טעגליך און דאָך גנבעט ער גענז

אין בלעשנאַ, הינטער טשענסטאכאוו האט זינט א לענגערע צייט גראַסירט א נישט-ענטדעקטער גנב, וועמענס ספּע-ציאַליטעט ס'איז געווען צו בעגנבענען קאַמערלעך און קורניקעס. אין איינעם פון די לעצטע אָווענדען האט דער דאַזיגער גנב זיך אריינבעקומען אין כאַינאַצקי'ס הויז אין בלעשנאַ.

דער גנב איז בעצייטענס בעמערקט געוואָרען דורך אייניגע בלעשנער איינוואוינער, וועלכע זענען איהם בע-פאלען און געשלאָגען ביז ער האט פערלוירען דאס בעוואוסטזיין. דאן האבען די בלעשנער איינוואוינער גע-בינדען דעם גנב און אַוועקגעשליידערט אויפ'ן מיסט, וואו ער איז געלעגען א גאנצע נאַכט ביז אין דער פריה. אין דער פריה איז געקומען די אַרויסגערו-פענע פּאָליציי און דעם צושלאָגענעם איבערגעפיהרט אויף קוראַציע אין שפּיטאָל אריין.

דער שלימזל'דיגער גנב האט זיך ארויסגעוויזען אלס דער בלעשנער איינוואוינער שלענזאַק, א שיכור. ער ארבייט אין דער פאַבריק, וואו ער פערדינט אנ'ערך 7 זלאטעס טעגליך. אויך זיין ווייב אַרבייט אין א פאַבריק. אויסער דעם האט ער געגנבעט גענז, כדי – ווי ער אליין האט געזאגט – צו פערדינען אויף בראָנפען.

שלענזאַק פערבלייבט פאָרלויפיג אין שפיטאל אונטער דער אויפזיכט פון פּאָליציי.

נדבות פאַר דער געז. „תומכי עניים"

ה' אהרן קעמפינסקי צו דער יאהר-צייט פון זיין פערשטאָרבענעם פאָטער 10 קילאָ ברויט.

ה' יואב ווייצענבלאַט צו דער יאהרצייט פון זיין פערשטאָרבענעם פאטער 5 קילאָ ברויט.

ה' שלמה לאָריע צו דער יאהרצייט פון זיין פערשטאָרבענע מוטער 5 קילאָ ברויט.

ה' יהושיע נאָוואַק 2 זל.

פאר'ן שפיטאל:

אָהנע נאמען צוליב'ן צוריקגעפינען אַ ברילאַנטען רינגעל 5 זל.

Kino „LUNA"
הערליכער פוילישער פילם מיט אונגע-וועהנליכער שפּאַנונג לויט דער בעקאַנ-טער ערצעהלונג פון זאָפיאַ נאַלקאָווסקאַ
GRANICA
דראמע פון א מאַנספערשוין, וועלכען עס האט פערפאָלגט די קללה פון דער „זייטיגער גאַס"
אין די הויפט - ראָלען: באַרשטשעווסקאַ, זשעליכאָווסקאַ, פּיכעלסקי, וויסאָצ-קאַ, זעלווערָאָוויטש, סאַמבאַרסקי, טשוויקלינסקאַ, ציבולסקי.
אַ האַלבער זאַל 80, די איבריגע און באַלקאָן 1.09 זל.

KINO „EDEN".
פון שבת און ווייטער
דער מעכטיגסטער וועלט-פילם!
MARCO POLO
מיטרייסענדע איבערלעבענישען פון אַ בעריהמטען רייזענדען.
אין די הויפט-ראָלען:
גאַרי קופּער
און 5 טויזענד אַנדערע אַרטיסטען.

CEDIB
UNIVERSITÉ BEAUTÉ
PARIS
RACJONALNA KOSMETYKA
Nasze instytuty kosmetyczne w całej Polsce